Biblioteki
[illegible]
[illegible] nr 12

היינט „Radomer-Kielcer Leben" 17 (767) — Opłata pocztowa — uiszczona ryczałtem. XVI·ער יאָהרגאנג פּרייז 25 גראשען

# ראדאמער-קעלצער לעבען

Radom, dnia 28 kwietnia 1939
ראדאָם, פרייטאָג ט. אייר תרצ"ט
טעלעפאָן פון רעדאקציע 15 - 18

אבטיילונג פאר אסטראוויעץ אפּאטאוו, וויערשוזבניק און סביבה

אבטיילונג פאר קעלץ

ĘDNOŚCIĄ wielką w gospodarstwie
jest używanie
80% esencji octowej marki „RAK"
Zakładów Chemicznych „Grodzisk" S. A. Warszawa
Dla odsprzedawców wysokie rabaty.
Na składzie esencja w buteleczkach i balonach.
Zamówienia wykonujemy ze składu i bezpośrednio z fabryki.
Hurtownia esencji octowej »GRODZISK«
Radom, Wałowa 45 tel. 25 - 92

HERBATA z DZWONKIEM
BELL-TEA
świetnie smakuje

א הערצליכען מזל-טוב
אונזער פריינד און שותף
**יצחק בענטשינסקי**
צו זיין פערלאָבונג מיט פרל.
**רחל מאנדעלבוים**
ווינשען מיר פיעל גליק און צופרידענהייט
הערש בראָמבערג און פרוי.

Rachela Mandelbaum
Izaak Chęcinski
**Zaręczeni**
Radom w Kwietniu 1939 r.

צו די תנאים פון אונזער קוזינקע
פריל. **דינה איילבוים**
מיט
ה' **נחום וויינטרויב**
ווינטשען מיר א הארציגען מזל-טוב!
**נ. האלצמאַן** מיט **פאמיליע**

מיר גראַטולירען הערצליך אונזער חבר
**יצחק בענטשינסקי**
צו זיין פערלאָבונג מיט פרל.
**רחל מאנדעלבוים**
דעם יונגען פּאר א שטראַלענדע צוקונפט.
הערשל בוימגארט, יעקב מעדאַליאָן,
חנינה בירענבוים.

צו דער חתונה פון אונזער שוועסטער און שוועגערין
**יהודית מילער**
מיט ה' **שמחה לעווינסקי** אין תל - אביב
ווינשען מיר אַ גליקליכע צוקונפט און אייביגע צופרידענהייט
**רייזעלע** און **אלימלך מילער,**
און טעכטערל **אַדעלטשא** לובלין

KANTOR WYMIANY
M. WAJSELFISZ
RADOM, Żeromskiego 29.
przyjmujemy zapisy
na 5% Pożyczkę i 3% Bony
Obrony Przeciwlotniczej
W Niedzielę dn. 30 kwietnia i w święto 3-Maja 1939. od g. 10-ej do 19-ej

טעאַטער „ראזמאַיטאשטשי"

מארגען שבת דעם 29 אפּריל ה. י. פּינקטליך האלב 9 אוונט
א
# פייערלעכער קאנצערט
פון בעריהמטען פידעל - ווירטואז
**שמעון באַקמאַן**
אויפן זעלבען קאָנצערט טרעט אויך אויף דער באַקאַנטער וויאָלאָנטשעליסט **איזאאק באקמאן**
און דער אויסגע-צייכענטער פיאניסט **מ. וויינבערג**
אין פראָגראַם: **טשייקאָווסקי, ברוך, בלאָך, וויטאַלי, בעטהאָווען און אנדערע.**
די גאנצע הכנסה איז באשטימט פאר דער זומער - קאָלאָניע אין גארבאטקע פון היגען „טאז".
פאָרפאַרקויף פון בילעטען אין דער קאָלעקטור פון „ווייסעלפיש" זשעראָמסקי 29 און אין דער געז. „טאַז". זשעראָמסקי 13

צו דער פערלאָבונג פון פר"ל
**דינה איילבוים**
מיט ה'
**נחום וויינטרויב**
ווינשט אייך פיעל גליק
**לייביל זיסהאלץ.**

דאָנערשטאָג ט"ו לחודש אייר תרצ"ט (4 מאי)
פאַלט אויס די **ערשטע יאהר - צייט** פון אונזער הייס-געליבטער
און אונפערגעסליכער מוטער
# שיינדיל ניידיק נ. ע.
וועלכע איז געשטאָרבען און געברענגט געוואָרען צו איהר אייביגער רוה אין תל-אביב, וואו עס ווערט אין זעלבען טאָג ענטהילט די **מצבה.**
מאָרגען שבת וועט אין די היגער גרויסער שוהל געמאַכט ווערן אנ'אזכרה, וועגן וואָס עס מעלדען די טרויערענדע
**זין, טעכטער, שנירען, איידעמס, אייניקלעך**

**אונזער טיפסטען און הארציגסטען דאנק** דריקען מיר אויס אַלע, וועלכע האָבען אנטייל גענומען אין אָבגעבען דעם לעצטען כבוד אונזער פערשטאָרבענע און אונפערגעסליכע **מוטער**
# טאבע באמענטאווסקא נ"ע
**זיהן, טעכטער, ברידערן און פאמיליע.**

אַ אינטעליגענטער
יונגערמאַן בעקאַנט אין
פערשידענע בראַנזשעס קען
איבערנעמען אַ פערטרעטונג
אָפערטען אין רעדאַקציע
פאַר ג. ב.

**ווילט** איר האָבן סאָלידע ארבייט
**ווילט** איר האַבן הערליכע דרוק
מיט די נייעסטע מאָדערנע שריפטן
**צו ביליגע פרייזעי**
100 וויזיט קארטן 1 זל.
בעשטעלט נור אין **דרוקעריי**
פון **ד. שיינבוים**
**ראַדאָם, זשעראמסקי 21**

ווילט איהר האָבען קלאָרע, זויבערע וועש, נייע גארדעראָבעס, שניי - ווייסע פאָרהאַנגען,
גיעט נאָר צו וואשען און פארבען אין דער באקאנטער
כעמיש'ער פארבעריי און פראַלניע פון דער ערשטקלאַסיגער פירמע
**A. Hempel**
Centrala Stare Miasto 7 telefon 19 - 70
Filje Zeromskiego 1
Zeromskiego 21
Zeromskiego 59
Traugutta 11
ווער ס'האָט זיך נאָך נים איבערצייגט זאָל פרובען און וועט זיין ענטציקט פון דער שענער, עסטעטישער און פאַכמענישער ארבייט. ס'ווערט אויך געוואשען אויף טריקען — ביליגע פרייזען! —פינקטליכע אויספיהרונג סאָלידע בעהאנדלונג קומט און איבערצייגט אייך
צענטראַלע: אַלטע שטאָדט 7 אָפיצ. טעל 70 - 19
פיליעס: זשעראמסקי 1 טראוגוטטא 11
זשעראַמסקי 21, זשעראמסקי 59
ביליג צו וואשען קאפעלושען

# פּראָװאָקאַטאָרישע האַלטונג פון די בעקער-געזעלען אַדאָלף האָפמאַן און עמיל מעטצקער אויף אַ פערזאַמלונג אין אַרבייטער-הויז

אין אַרבייטער-הויז איז שבת פאָרגעקומען אַ פערזאַמלונג פון די קלאַסען-פעראיינען, אויף װעלכער ס'איז געװאָרען אַפּעלירט, אַז די אַנװעזענדע זאָלען זיך בעשטייערן אויפ'ן פאָנד פון דער נאַציאָנאַלער פערטיידיגונג (פאָן) אין דער פאָרם פון אָװעקגעבען דעם פערדינסט פון איין טאָג.

נאָך די רעדעס האָבען זיך אָנגערופען צוויי געגנערישע שטימען. װי ס'האָט זיך אַרויסגעװיזען זענען דאָס געװען די פּערשוינען אַדאָלף האָפמאַן און עמיל מעטצקער. ביידע זענען בעקער-געזעלען. אַדאָלף אַרבייט אין דער בעקעריי פון אַ געװיסען טשעטשאַק און עמיל איז בעשעפטיגט אין דער בעקעריי פון אַ געװיסען נאָװאַק אין ראַדאָם.

די פּראָװאָקאַטאָרישע האַלטונג פון די דאָזיגע לייט האָט אַרויסגערופען אַ ספּאָנטאַנישען אויפבראַוז צװישען די אַנװעזענדע, װעלכע האָבען אויף דעם שאַרף רעאַגירט, אַז אַדאָלף האָפמאַן און עמיל מעטצקער זענען קוים אַװעק מיט גאַנצע ביינער פון זאַהל. די צעשלאָגענע בעקער-געזעלען, װעלכע טראָגען דייטשע פאַמיליע-נעמען און גערמאַנישע פאָר-נעמען, זענען װאַהרשיינליך פון אַ צווייפעלהאַפטען מין פּאָליאַקען, און װער װייס, צי זיי בעטראַכטען זיך נישט פאַר געבוירענע דייטשען.

דער פאַקט, װאָס נאָר צוויי פּאַרשוינען האָבען פּראָטעסטירט געגען די געשאַנקען אויפ'ן „פאָן", רעדט אַליין פאַר זיך.

די היגע פוילישע פּרעסע טרעט שאַרף אַרויס געגען דעם ראַדאָמער אַדאָלף און עמיל, פאָדערענדיג, אַז מיט דעם ענין זאָל זיך פערנעמען די זיכערהייט'ס-מאַכט, װעלכע זאָל דורכפיהרען אַ גרינדליכע אויספאָרשונג.

„מיר װילען װיסען — שרייבט „דזיען-דאָברי" — מיט װעמען מ'האָט דאָ צו טהון. און אויב ס'װעט זיך אַרויסשטעלען, אַז די צוויי לייט זענען נישט קיין לאָיאַלע בירגער, דאַרף מען ביי זיי אָבנעמען די בירגער-רעכט און זיי העפלעך אַרויסבעטען פון פוילען. מיר צװייפלען נישט, אַז אַזוי נאָװאַק און אַזוי טשעטשאַק װעלען זאָפאָרט אַרויסציהען קאָנסעקװענצען אין בעצוג צו די דערמאָנטע טשלעיאַדניקעס, װעמענ'ס ערטער עס קענען פערנעמען אמת'ע פּאָליאַקען.

מיר ברויכען נישט קיין אַדאָלף האָפמאַנ'ס און עמיל מעטצקער'ס אין אַ מאָמענט, װען ס גאַנצע פוילישע פאָלק פעראייניגט זיך און איז דורכגעדרינגען מיט איין גרויסען פלאַם פון פּאַטריאָטיזם

זאָלען אַלזאָ די צוויי זעהר פערדעכטיגע פּאַרשוינען אויפזינגען דאָס „האָרסט װעסעל"-ליד, פערפּאַקען די זאַכען און פאָהרען באַקײַן פּרעצלעט אויף הינטיש שמאַלץ אין בערלין".

# קאַמף צװישען קהלה — שוחט — רב
## אין קאָזשעניץ

אין דער קאָזשעניצער קהלה רודערט זיך.

ס'האָט זיך פערקאָכט אַ מעשה מיט'ן רב און שוחט.

ביים היינטיגען טאָג פערנעמט דעם כסא רבנות אין קאָזשעניץ דעם רבין ר' מלך'לס ז"ל אַנ'איידעם הרב ר' נחום שלמה פּערלאָוו, אַ זוהן פון סטאָלנער רבי'ן. זיין בעשטעטיגונג אַלס רב איז געקומען נאָך אַ שװערען קאַמף מיט'ן צד פון רבי'ן ר' אהר'לע, װעלכער האָט פּרעטענדירט אויפן דאָזיגען רבנות-פּאָסטען. צום דאָזיגען צד געהערט דער אָרטיגער שוחט משה גילגאָלד, װעלכער איז געבליבען געטריי זיין רבין ר' אהר'לע און װיל נישט װייזען די חלפים דעם רב. די מחלוקה איז געגאַנגען אַזוי װייט, אַז דער רב מיט דער קהלה האָבען אָבגעשטעלט דעם רערמאָנטען שוחט אין זיין טעטיגקייט, ביז ס'װעט פאָרקומען אַ דין-תורה.

ביידע צדדים האָבען אַנגאַזשירט דריי רבנים פון דער פרעמד. פון די שטעדט: אָפּעלע, סאָבעלאָװ און זשעליכאָװ, חוץ דעם אָרטיגען מורה-הוראה ר' יוסף שאַפּירא.

דאָס האָט אָבגעקאָסט דער קהלה מיט'ן שוחט בערך 400 זל. די רבנים האָבען קיין פּסק נאָך נישט אַרויסגעגעבען, נאָר דערװייל געמאַכט אַזאַ פשרה, אַז דער שוחט זאָל װייטער שחט'ען און די דין-תורה זאָל נאָך אַמאָל בעטראַכט װערען. דער קאָזשעניצער רב האָט נישט בעשטאַנען, אָבער ער האָט זיך נישט אַקעגענגעשטעלט און דער שוחט איז געװען טעטיג ביז די צװייטע טעג פסח. דאָס איז געשעהן צוליב דעם װאָס דעם רב'ס צד האָט אַריינגעטראָגען אַנ'אַנקלאַגע אין דער סטאַראָסטװאָ, צו פערװעהרען גינגאָלד'ן צו שחט'ען, װייל ער װאַרפט זיך נישט אונטער דער קהלה און פיהרט נישט אויס די ריטועלע פאָרשריפטען. זיין שחיטה איז דעריבער אונלעגאַל.

די סטאַראָסטװאָ האָט צוגעשיקט שריפטליכע מעלדונגען צו דער קהלה און צום שוחט, אַז ער טאָר נישט שחט'ען. דער פּרעזעס פון דער קהלה פנחס פריילין, איז אויך פאַראַנטװאָרטליך פאַר'ן שוחט גינגאָלד אין פאַל װען יענער װעט שחט'ען עופות אין געהיים.

די קהלה צאָהלט דערװייל דעם שוחט פּענסיע 15 זל אַ װאָך און מ'װאַרט אויפ'ן ענטגילטיגען פּסק פון דער צװייטער דין-תורה.

קאָזשעניץ האָט דערװייל אַ סענסאַציע און ס'איז דאָ אַרום װאָס זיך צו קריגען.

י. ח.

מיר באַטייליגען זיך אינ'ם גרויסען צער
װאָס האָט געטראָפען דער פאַמיליע **האָבערפעלד**
צוליבן טויט פון זייער אונפערגעסליכען

**מאַן און פאַטער**

פאַמיליע צוקער, פאַמיליע אַדלער, פאַמיליע שלעדזיק,
פאַמיליע פירסטענבערג, פאַמיליע סאַמעלסאָן.

אונזער אויפריכטיגסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס
דער פאַמיליע **האָבערפעלד**
צוליבן טויט פון זייער געשעצטען

**מאַן און פאַטער**

פאַמיליע רושינעק, פאַמיליע מייכער, פאַמיליע שטאַנקער,
פאַמיליע פרידמאַן, פאַמיליע װערבער, פאַמיליע װאַקסבערג,
פאַמיליע ראַבינאָװיטש, פאַמיליע זיסהאָלץ.

# א. בע. צע. הערט נישט אויף צו שפּרייטען גיפט געגען יודען

די אַנטיסעמיטישע פּרעסע קען בשום אופן נישט פערטראָגען, װאָס די יודישע בעפעלקערונג נעמט אַזאַ װאַרימען אַנטייל אין אַלערליי קרבנות פאַר פוילענ'ס בעװאָפענונג. די דאָזיגע צייטונגען האָבען אַ פּנים, מורא, אַז דער יודישער פּאַטריאָטיזם זאָל, חלילה, נישט שטערען זייער גיפטיגער אַנטי יודישער העצע.

די „אַבעצע" האַלט, למשל, אין איין טענה'ן מיט איהרע לעזער, אַז די אויסדרוקען פון יודישען פּאַטריאָטיזם איז נאָר אַ רעזולטאַט דערפון, װאָס די יודען װעלען רייצען צו אַ מלחמה מיט דייטשלאַנד, נישט דערפאַר װייל זיי װעלען טאַקע אויסראָטען דעם גערמאַנישען אימפּעריאַליזם, נאָר — דעם היטלערישען אַנטיסעמיטיזם.

די „אַבעצע" האָט שוין די דאָזיגע חכמה איבערגעחזר'ט עטליכע מאָהל, אָבער דאָס האָט איהר פונדעסטװעגען נישט געשטערט די טעג װידער אַרויסצוטרעטען אַזש מיט צוויי אַרטיקלען, פון װעלכע דער לייט-מאָטיװ איז, אַז יודען װילען איצט אויסנוצען דעם פוילישען פּאַטריאָטיזם אַלס געװעהר פאַר זייער נקמה אויף היטלער'ן; יודען װילען אַרויסרופען אַ װעלט-מלחמה, װייל זיי רעכענען, אַז די דעמאָקראַטישע לענדער װעלען זיגען און דאָס װעט פערשטאַרקען די יודישע הערשאַפט".

# נח נאַכבוש היינט אין ראַדאָם

היינט אָװענד טרעט-אויף אין אַרבייטער-הויז דער בעריהמטער יודישער אַרטיסט נח נאַכבוש.

נח נאַכבוש איז איינער פון דער ערשטער װילנער טרופּע, װאָס האָט בשעתה געשטורעמט דאָס יודישע טעאַטער. נאַכבוש איז געװען איינער פון די אָנגעזעהענסטע װילנער.

מיט קנאַפּע 20 יאָהר צוריק האָט די ערשטע װילנער טרופּע געשפּילט אין ראַדאָם און מיר געדענקען נאָך גוט נאַכבוש'ען אין זיינע פּרעכטיגע קרעאַציעס, װעלכע זענען פון טויזענדטער צושויער ממש בעװוּנדערט געװאָרען.

אויפ'ן היינטיגען רעציטאַציע-אָװענד װעט נאַכבוש אויספיהרען אַ רייכען און פערשידענאַרטיגען רעפּערטואַר, װאָס לוינט זיך צוגעהן זעהן.

### אויסבעסערונג

על פּי טעות האָבען מיר יענע װאָך געשריבען, אַז דער ה' מענדעל שעפּסמאַן איז פער'משפט געװאָרען אויף אַנדערטהאַלבען יאָהר אין פּראָצעס פון די גע'גנב'עטע 40 זייגערלעך ביים יובילער ה' גלאַנצשפּיגעל.

דער ה' שעפּסמאַן איז נישט געװאָרען פער'משפט נאָר אַ געװיסער משה מילערמאַן.

רעד.

# שטיל זאָל זיין, יאָך גיי װערען אַ ראַטמאַן

װאָס מיר רוזװעלט, װער מיר טשעמבערליין. װער פרעגט נאָך היטלער'ן און װאָס אינטערעסירט מיך מוסאָליני? יאָך האָב דאָס אַלץ נישט אין זין. מיר געהט נאָר אין איין זאַך: כ'װיל זיין אַ ראַטמאַן אין דער ראַדאָמער ראַדאַמיעיסקאַ. אָט דאָ װעל יאָך װייזען װער יאָך בין און װאָס יאָך קען.

כ'װייס, די װעלט איז היינט געשפּאַנט, מ'װאַרט היינט אויף היטלער'ס רעדע. היום הרת עולם, היום יעמיד במשפּט כל יצירי עולמים. אם כבנים ואם כעבדים. כ'װייס אַלץ. אמת, ס'איז היינט ראש-השנה אויף דער װעלט. דער גאַנצער נתנה תוקף איז געװענדעט אין היינטיגען טאָג. אַלץ, אַלץ דער מי יחיה ומי ימות, דער מי בחרב, ומי ברעש, דער מי במים, דער מי באש. אַלע, אַלע גוטע זאַכען דאַרפען היינט ראָזשטשיגניט װערען. פעלקער ליגען אויף דער װאָג-שאָל, די װעלט שטעהט אויף אַ האָר, אַפילו די פיש אין װאַסער ציטערען. יאָ, יאָך װייס אַלץ, אָבער מיך געהט דאָס אַלץ נישט אָן. אדרבא, פון דעם אַלעם איז טאַקע געדרינגען, אַז מען דאַרף האָבען עלענבויגענס. מ'דאַרף זיך קענען שטיפּען. יאָ, מען מוז זיין בעװאָגט, דרייסט. די קונץ בעשטעהט אין מאַכן אַ פויסט, כאָטש מ'האָט צובראָכענע און צע'מויק'טע פינגער, דער עיקר אָנציהען פעסט די מוסקולען אין דרויסען. אינװייניג װי די פויסט זעהט אויס, דאַרף קיינער נישט זעהען. זאָל יענער מיינען, זאָל זיך יענער שרעקען. יאָ, רבותי, דער עיקר. איז דאָס ביסעלע חוצפה; אין זכות פון חוצפה מאַכט מען אַ לעבען, מען דערשלאָגט זיך צו אַ קאַריערע. װאָס דאַרפט איהר מעהר, אַפילו געגען הימעל. געגען סאַמע רבונו של עולם העלפט אויך חוצפה. װי שטעהט ביי אונז געשריבען: חוצפה אפילו כלפי שמיא מהני.

זעהט עץ דאָך, אַז ס'איז אַזוי. װער זיצט אויף דער מזרח-װאַנד — דער תקיף; װער פיהרט אָן מיט קהל — דער תקיף, װער האָט ערפינדען דעם נייעם דיקטאַטאָרישען נוסח-אַשכנז — דער תקיף און װער פיהרט איירעפּע, און אפשר די גאַנצע װעלט, ביי דער נאָז — אויך דער תקיף.

און מיינט עץ אפשר, אַז דער תקיף איז טאַקע אַ שטאַרקער? — ס'הויבט זיך נישט אָן. ער האָט בלויז אַ שמעקנאָז. ער איז אַ געריבענער יונג. ער װייסט, אַז אַלע אַרום זענען לעמישקעס, האָבען מורא פאַרן רויך פון אַ קוימען... און פאַרן בלויזען הויכען געשריי פערלירען זיי די תחתונים... בעקומען גרימעניש אין בויך און בעמאַכען זיך מיט דער חכמה. עטץ מיינט טאַקע, אַז כ'נעם מיך אַזוי אַדורך מיט דער היינטיגער רעדע, צו װעלכער די װעלט האָט אויסגעשטעלט מויל און אויערען. מיך זאָלען זיי פרעגען די רוזװעלטס מיט די טשעמבערליינס! יאָך װעל זיי זאָגען, אַז ער סטראַשעט די גענז. ער ציטערט פון אינװעניג און פון דרויסען און ער מאַכט בלויז אַנ'אָנשטעל פון אַ העלד, פון אַ תקיף. פון װאַנען יאָך װייס? יאָך װייס עס פון דער ראַדאָמער פּראַקטיק.

ביי אונז אין שטאָדט איז אַ מנהג מקדמא דנא, אַז דער װאָס כאַפּט זיך אַרויף אויפן סערדל, דער רייט און פאָהרט גאַלאָפּ. אַלע שטעהען און קוקען און שװייגען, ביז זיי פּאַטשען ענדליך בראַװאָ. פאַראַן ביי אונז אין שטאָדט קיין עין-הרע אַ סך װאוילע יודען, פיינע לייט, אָבער זיי זענען פערשטעקט אין אַ װינקעלע, אָבער רויקען. רוקען זיך אַרויס אין די פאָדערשטע רייהען געציילטע מענטשען, אָדער מענטשעלעך און נעמען-איין די שטאָדט. שפּרייטען אויס זייערע פליגעל צו בעשיצען כל הקהל און גייט, לאָזט זיי נישט! יאָ, רבותי, די גאַנצע װעלט איז איין שטאָדט. יאָך קוק פון ראַדאָם און זעה די גאַנצע װעלט. יאָך װער נישט נתפעל פון דער היינטיגער בערלינער רעדע. גלויבט מע, אַז נישט ערגער װעט זיין מיין רעדע, װעלכע יאָך װעל דאָ באַלד האַלטען אויף אַ װאַהל-מיטינג. יאָך װעל רעדען צו מיינע װעהלער און װעל זיי שוין איינמאָל „נאַביערען". יאָך קען די מלאכה, פערלאָזט אייך אויף מיר.

און צװישען אונז געשמועסט, איז דען פאַראַן אַ בעסערער ראַטמאַן פאַר מיר? מיט װאָס טויג יאָך נישט? פאָטאָגראַפירט האָב יאָך מיך; געשטאַנען אויף דער „װיסטאָװע שטוק פיענקניך" — בין יאָך אויך; אַז כ'בין אַ װאַזשנע פיגור — װייסען אַלע; אַז כ'בין פּאָפּולער און בעװוּסט פון איין עק שטאָדט, ביז דעם צװייטען — דאָס װעלען אַלע עדות זאָגען. היינט װאָס נאָך פעהלט מיר? אַז מען הייסט מיך געהן, זאָג יאָך, אַז כ'גיי; אַז מען הייסט מיך טוהן, זאָג יאָך, אַז כ'טוה. דער עיקר איז — זאָגען. אַזוי איז היינט אין דער מאָדע. איבערהויפּט שפּילן היינט אַ ראָליע רעדעס און דאָס קען יאָך. כ'קען רעדען, איינרעדען און פעררעדען. מאַכען פון רויט — שװאַרץ, פון בלאָה — געל און פון טאָג — נאַכט. דאָס איז קונסט און אָהן דעם קען מען קיין פּאָליטיקער נישט זיין און אַ כלל-טוער — אודאי נישט.

נו, בעזיץ יאָך אפשר נישט אַלע מעלות? װאָרט, כ'האָב נאָך איין מעלה און דאָס איז די גרעסטע: יאָך װאַרט נישט מ'זאָל מיך קומען בעטען, יאָך קום אַליין און מאַך מיך אַליין. װאָס שטוקאַ! נאָר װאָס דען. יאָך זאָל װאַרטען ביז מ'װעט קומען צו מיר? ניין, דאָס איז נישט קיין געשעפט. יאָך װאָלט דאָן פערלוירען געװאָרען װי אַנ'אַרבעס אין גרויסען מעער.

װער װאָלט פון מיר געװוּסט און װער װאָלט פון מיר געהערט! כ'װאָלט געװען פון יענע ל"ו צדיקים װאָס לעבען און שטאַרבען און קיינער װייסט נישט צומאָלט װער זיי זענען געװען. יאָך װאָלט דאָן מיט מיין טאַלאַנט איינגעשלאָפען. יאָ, יאָך קען די װעלט, יאָך קען אונזער ראַדאָם. דאָ, אַז דו װעסט נישט פונאַנדערפיהרען די הענד און שטויסען מיט די עלענבויגענס — װעסטו פערשװיגען װערען און דאָס װיל יאָך נישט. יאָך װיל װייזען דער שטאָדט, װער יאָך בין און װאָס יאָך בין. אַזוי װי אויף דער גאַנצער װעלט, גילט אויך אין ראַדאָם תקיפות. װער שמועסט נאָך אַז מ'האָט נאָך אַ ביסעלע חוצפה — איז אַ ודאי אַל רייט. די נאַטור האָט מיך מיט ביידע זאַכען בעשאָנקען.

נאָך דער בערלינער רעדע, גיי יאָך האַלטען אַ רעדע, — אָבער די אמת'ע רעדע, נאָך װעלכער ס'װעט אויסברעכען די ריכטיגע װאַהל-מלחמה, יאָך סטראַשע נישט, װי יענער, יאָך ברויך נישט קיין ים-פּלאַץ, קיין לופט-פּלאַץ יאָך װעל איינגעמען דעם שטאָדט-ראַט אָהן איין שאָס, נאָר מיט חכמה, מיט פּאָליטיקע.

שטיל זאָל זיין, יאָך גיי װערען אַ ראַטמאַן!

**א חכם.**

# פאַרשרייבט זיך אויף דער לופט=הלוואה.

אין דער איצטיגער אנגעשטרענגטער צייט הערט מען פון אלע זייטען איין רוף:

— פערשרייבט זיך אויף דער לופט-הלואה.

דאס איז א רוף, וואס א מאמע רופט צו איהרע קינדער, ווען זי געפונט זיך אין א נויט. דאס איז א רוף, וואס די מלוכה רופט צו איהרע בירגער אין א שעה פון דוחק.

וואס טהוט נישט א מאמע פאר קינדער און וואס טהוען נישט קינדער פאר א מאמען. וואס טהוט נישט א מלוכה פאר איהרע בירגער — און וואס טהוען נישט די בירגער פאר זייער מלוכה.

אזוי איז עס מיט יעטוועדער מאמען וואס ווענדעט זיך צו איהרע קינדער נאך הילף, אזוי איז עס מיט יעטוועדער מלוכה, וואס ווענדעט זיך צו איהרע בירגער.

אויך אונזער מלוכה איז אזוי. און אזוי זענען די בירגער פון לאנד.

און צווישען די בירגער פון לאנד זענען אויך אריינגערעכענט מיר יודען און אויך אויף אונזער אדרעס איז דער רוף געווענדעט.

שטיצען מיר אונטער מיט אונזער פעדער דעם רוף פון דער מלוכה, דעם רוף פון דער מאמען צו איהרע קינדער:

— פערשרייבט זיך אויף דער לופט-הלואה!

ווייל מיט א דער הלואה קומט איהר צו הילף אייער אייגענער מאמען.

פערגעסט אין איצטיגען מאמענט אויב די מאמע טהוט אייך אמאהל וויי. אלע מאמעס האבען פערשידענע מאמענטען און אלע מאמעס טהוען אמאהל וויי זייערע קינדער.

א מאמע בלייבט פארט א מאמע, ווי זי זאל זיך נישט בעציהען צו די קינדער

מיר יודען בעטראכטען זיך אויך ווי קינדער פון דער פוילישער מאמע-ערד. איצט גרייכט צו אונז איהר רוף.

טארען מיר א רגע נישט ווארטען און תיכף ומיד נאכקומען דעם רוף.

אלע ווי איינער!

ווער עס זאל נישט זיין און ווי ארים ער זאל נישט זיין.

פון וועלכע קרייזען ער זאל נישט שטאמען און פון וועלכע שיכטען ער זאל נישט ארויסקומען.

צי ער איז פערמעגליך, צי רייך, צי ארים.

יעדער איינער לויט זיין יכולת.

און אויך מעהר, ווי ער קען.

פאר א מאמען מוז מען אלץ טהון! אלץ אין דער וועלט.

ארבייטער, אינטעליגענץ, קרעמער, סוחר, אנגעשטעלטער, טאג און לוין-מענש — אלע, אלע דארפען צייכענען די הלוואה.

אין שווערע מינוטען, אין ערנסטע גורל-שעה'ן קומט דער רוף. די גאנצע יודישע בעפעלקערונג דארף ווערען דורכגענומען מיט'ן בעוואוסטזיין, אז דאס פאטערלאנד מוז ווערען געשטארקט.

אלע זארג, אלע אנשטרענגונגען, אלע געדאנקען דארפען ווערען איצט געריכטעט צו דעם רוף. אלעמען'ס אויערען מוזען זיך צוהערען צו דעם רוף.

איצט איז דא א געלעגענהייט צו צעברעכען אלע בלבולים פון אונזערע שונאים, איצט האבען מיר א געלעגנהייט צו פערמאכען די מיילער אלע אנטיסעמיטען.

איצט האבען מיר די געלעגענהייט צו ווייזען מיט מעשים די פאלשקייט פון די יודען-העצער, אז יודען האבען קיינמאהל נישט ליב זייער פאטערלאנד.

נישטא נאך אין ערגיץ אזא פאלק, ווי מיר יודען, וואס זאל באמת ליב האבען זיין פאטערלאנד, וואו ער איז יאהרהונדערטער שוין איינגעפונדעוועט סיי אין דער געשיכטע פון לאנד, סיי אין דער נישט לאנגיאהריגער פערגאנגענהייט, סיי אין דער געגענווארט.

צייכענט די לופט הלואה! די צייט שטעהט נישט אויף איין ארט.

קיינער קען נישט האבען אמאהל קיין גרעסערער שונא ווי זיך גופא, אויב ער העלפט זיך אליין נישט.

דורכלאזען דעם מאמענט פון זיך זעלבסט פארזיכערען פאר אן אויסערן שונא קען זיין ניט נאר א פעלער, ניט נאר א פארזעהן, נאר א גאכלעסיגקייט און אפגעלאזענקייט, א פארברעכען. מיר טארען ניט זיין אין דער איצטיגער גורל-שעה נאכלעסיק און אפגעלאזען צו זיך אליין, צו אונזער אייגענעם גורל. דאס וואלט געווען די גרעסטע זינד.

און אזא זינד טארען מיר ניט באגיין!

מיר טארען נישט זיין זיך אליין קיין שונא.

צייכענט די אוויאציע - הלוואה! אלע; קליין און גרויס, מענער און פרויען! רייך און ארים!

דאס איז דער רוף פון דער שעה. אין דעם איצטיגען מאמענט טארען מיר ניט טראכטען וועגען עפעס אנדערש, ווי נאר וועגען א דעם וויכטיגען פרט.

נישטא קיין תירוץ, אז ס'איז שווער, אז מען קען נישט, אז אנדערע פריערדיגע באשטייערונגען זענען פארלאפען די וועג. דאס אייגענע העמד איז נענטער צום לייב. דאס אייגענע פאטערלאנד איז בילכער פאר אלץ אין דער וועלט.

ווייל האט מען א פאטערלאנד האט מען א באדען אונטער די פיס. א דאך איבערן קאפ.

היט אפ דאס פאטערלאנד, ווי דאס אויג אין קאפ! היט אפ די אייגענע מאמען.

צייכענט פאר איהר די לופט הלואה, אין וועלכער זי נויטיגט זיך אין דעם איצטיגען שווערען מאמענט.

**א. י—ג.**

## צי וועט שלום לעסקא בעגנעדיגט ווערען?

די צענטראלע יוסטיץ-מאכט האט זיך געווענדעט צו די געריכטען פון די ערשטע צוויי אינסטאנצען, וועלכע האבען גע'משפט דעם בעריהמטען פשיטיקער פראצעס, אז זיי זאלען ארויסזאגען א מיינונג וועגען דער ביטע צו בעגנעדיגען שלום לעסקא. ווי בעוואוסט איז לעסקא פער'משפט געווארען אויף זעקס און א האלב יאהר תפיסה און קרוב 4 יאהר זיצט ער שוין אין ז'ער ראדאמער תפיסה.

איצט ווערט בעטראכט די ביטע פון לעסקא'ס פערטיידיגער איהם צו בעגנעדיגען.

# וואס וועט ער „דבר'ן"?..!!

די וועלט איז געשפאנט. דער עולם ווארט מיט אומגעדולד, וואס וועט „ער" זאגען היינט דעם 28-טען?

— און איך — האט א יוד געזאגט — קאן אייך שוין פריהער אויסזאגען. איך ווייס, וואס ער וועט זאגען. איהר דארפט נישט שטעהן ביים ראדיא. אויב איהר ווילט, וועל איך אייך איבערגעבען די רעדע.

— ...רוזוועלט פרעגט, צי איך, דער „פיהרער" פון דריטען רייך, קאן גאראנטירען די אומאפהענגיגקייט פון 30 מלוכות, אז איך און מיין האנט-שותף בעניטא, וועל קיין איינע פון די 30 מלוכות נישט איינשלינגען. דאס איז דאך לעכערלעך. אדרבא, זאגט אליין וועמען האבען מיר, די, „אקס-מלוכות", שלעכטס געטון? מיר, די „מלאכי-השלום", זענען דאך נאר אויסען די טובה פון די געדריקטע און בא'עוולה'טע. לאמיר גיין כסדר:

— מיין חבר בעניטא האט נישט געקענט פארטראגען, ס'הארץ האט איהם וויי-געטוהן, א לאנד ווי אביסיניען, אהן קולטור, אהן ציוויליזאציע, ווילדע מענשען, גייען ארום נאקעט און בארוויס. נו, האט ער אויף כח אריינגעפיהרט ציוויליזאציע. די נאקעטע לייבער מיט „שווארצע העמדלעך" באקליידט. שווארצע לייבער מיט „שווארצע העמדלעך" — דא קאלארו"...

— נו, האט ער געמיינט עפעס שלעכטס פאר די אביסיניער? פארקעהרט, דאס איז ער דאך נאר אויסען געווען זייער טובה, זיי זאלען ווערען ציוויליזירטע מענטשען... זיי זאלען נישט ארומגיין נאקעט אהן א שווארץ העמדעל אויפן לייב...

— און. איך? וואס איז פריהער געווען אין ווינען? א שטאט מיט גראבבייכיגע מענער, דער רוב פון זיי האט געליטען אויף פעטלייביגקייט. און דאקטוירים זאגען, אז פעטלייביגקייט איז נישט געזונד.

איצט, אז איך בין אריין קיין ווינען, עסט מען דארט הארמאטען אנשטאט פוטער, פאלט פון זיי דאס פלייש אראפ פון די ביינער. אנשטאט ביער, טרינקט מען „ווינער-טראנק", ליידען זיי מעהר נישט אויף עצירות — און ווינען, די ביזט געדעטעט.

— דאס אייגענע מיט טשעכיען. א לאנד א געמיש פון פעלקער. קיינמאל קיין שלום-בית נישט געווען, האב איך גרויס צער געהאט. דאס הארץ האט מיר וויי געטון, און אזוי ווי איך בין דאך א שכן, און אזוי ווי איך בין דער איינציגער פאכמאן אין דער שלום-בראנזשע, בין איך אריינגעגאנגען מאכען שלום.

מען פרעגט מיך איצט: וואס איז מכוח יוגאסלאוויען? אויך די אייגענע מעשה: ביי דעם שכן איז אויך עפעס גישט אין ארדענונג. ווער ווייס, צי איך וועל אויך דארט נישט מוזען אריינגיין „מאכען שלום"...

— נו, זאגט איהר אליין, איז די פראגע פון רוזוועלטען נישט לעכערליך? וועמען טוען מיר, די אקס - מלוכות עפעס שלעכטס? פארקעהרט, מיר זענען דאך די איינציגע „רעטער פון שלום". אויב מיר גייען ערגעץ אריין, איז עס דאך נאר פון זייער טובה וועגען. איך גיי „מאכען שלום". און מיין שותף בעניטא — גייט איינפיהרען קולטור און ציוויליזאציע.

• • •

— יודען, איהר וועט היינט דעם 28-טען שטייען ביי די ראדיאס? איך וועל נישט שטיין, איך ווייס פריהער אלעס, וואס „ער" וועט זאגען — מעמער זעהן!..

**אב — נעק.**

# עטליכע טרויעריגע בלעטלעך פון אַ טאג = בוך
# פון א ראדאמער יודישען פליט.

XVI

וואס ס'איז געווארען מיט די אמת'ע נאצי-שפיאנען — דאס ווייס איך נישט. ווי כ'האב שוין פריהער דערצעהלט, האט מען זיי געבונדען און ערגיץ אוועקגעפיהרט. גרעטא איז קלוגער געווען פון די דריי אונטערגשיקטע געשטאפאלייט פון בערלין, וועלכע האבען געהאט פאר אנ'אויפגאבע איהר נאכצושפיאנירען מיט איהר גרופע, וואס זי טהוט אין דער שווייץ. זי האט זיי אבער פערנארט צו די סאציאל-דעמאקראטען און אזוי ארום פאראליזירט זייער אקציע.

זייענדיג דא ביי די סאציאליסטען, האב איך געהערט, אז דא האט מען שוין געוויסט, אז מען פאהרט אונז נאך פון בערלין. מ'האט דעריבער פון דאנען באלד ארויסגעשיקט צוויי אויטאס צו דער באהן-סטאציע און צוגעגרייט פאר זיי דעם „קבלת-פנים". אז באלד ביים איבערטרעטען די שוועל, זאלען מיר אלע אראב אין א קעלער אריין. ס'איז געווען אנ'אויסגעארבייטער פלאן ווי אזוי מ'זאל די דריי געסטאפא-שליחים בענדיגען.

איך האב דא אין קעלער דערקענט א סך סאציאל-דעמאקראטען פון בערלין. דאס זענען געווען פליטים, וועמען ס'האט זיך איינגעגעבען צו אנטלויפען און ארויסראטעווען זיך פון נאצישען גיהנום. די דאזיגע דייטשען האבען מיך אויך דערקענט. זיי האבען מיך ליבליך עמפפאנגען און גלייך אנגערופען מיך ביים נאמען. זיי האבען מיר אויסגעדריקט מיטגעפיהל. זיי האבען געהערט פון מיינע ליידען און טרעהרען האבען זיך געשטעלט אין זייערע אויגען. זיי האבען מיך געטרייסט און ערמוטיגט, אז נישט לאנג וועט געדויערען ווי ס'וועט קומען א סוף צו די בארבעריען און ווילדקייטען, און, אז אין דייטשלאנד וועט ווידער אויפשיינען די זון פון יושר און גערעכטיגקייט.

דער קעלער איז געווארען וואס אמאהל פולער מיט מענשען. מ'האט כסדר געברענגט אריינצוטראגען גרויסע פעק מיט דרוק-זאכען. דאס זענען געווען געדריקטע בראשורען, אויפרופען און פראקלאמאציעס צום דייטשען פאלק, אז עס זאל אראבווארפען פון זיך דעם שווערען יאך, אז עס זאל צערייסען די קייטען, אין וועלכע דער נאצי-רעזשים האט געשמידט מיליאנען מענשען. פון די בראשורען און אויפרופען האט גערעדט א בונטארע שפראך. פייער און פלאס האבען געשפריצט פון יעדער שורה. די אלע פעק, וועלכע האבען ענטהאלטען מיליאנען עקזעמפלארען, זענען געווען בעשטימט צום אבטראנספארטירען קיין דייטשלאנד, כדי דארט צו פערשפרייטען זיי צווישען די פערשקלאפטע פערקנעכטעטע מאסען. איך האב געזעהן ווי איפ'ן ארט האבען זיך געמאלדען פרייוויליג א סך פון די, וועלכע זענען געווען פערזאמעלט אין קעלער, אז זיי ווילען און זענען שוין גרייט צו שמוגלען די דייטשע גרעניץ און אריבערפיהרען אהין די אגיטאציע-ליטעראטור. צווישען די, וואס האבען אנגעבאטען זייער דינסט, זענען געווען מענשען פון פערשידענע פעלקער: דייטשען, איטאלענער, שווייצער, פראנצויזען, ענגלענדער, בעלגיער, רומענער, טערקען, שפאניער. נישט בלויז מענער, נאר אויך פרויען און מיידלעך האבען זיך געריסען צו דער דאזיגער אגיטאציע-ארבייט.

אין קעלער האט געזשומעט ווי אין א ביהנען-שטאק. די ארבייט איז געגאנגען אין פולען ברען. מ'האט נאך אמאהל דורכגעקוקט דעם אינהאלט פון די בראשורען און פון די אויפרופען. געמאכט פעקלעך, אריינגעלעגט אין זעק אין פערבונדען. מ'האט די אגיטאציע-עקספעדיציע בעזארגט מיט פעסער, און מיט רעוואלווערן. יעדער האט געהאט א נאצי-לעגיטימאציע מיט א רעוואלווער. מ'האט יעדען איבערגעגעבען דעם שפרוך, דעם לאזונג, וואס נאר געסטאפא-לייט ווייסען. דעם דאזיגען לאזונג איז מען דא אין קעלער דערגאנגען פון די דריי ווירקליכע געסטאפא - געגנטען, וועלכע גרעטא האט אהער פערנארט. מ'האט ביי זיי צוגענומען דאקומענטען, וואו ס איז געווען אויפגעשריבען דער געהיימער נאצי-שפרוך.

פון א מאן צוואנציג איז בעשטאנען די עקספעדיציע, וועלכע האט זיך געקליבען אריבערצושמוגלען די דייטשע גרעניץ. זיי האבען שוין געהאט אלץ צוגעגרייט: דאקומענטען, פאפירען, פעסער, לעגיטימאציעס מיט סטעמפלען פון דער נאצי - פארטיי. יעדער פון זיי האט שוין געטראגען אויף די פלייצעס א היבשען פאק מיט בראשורען און פראקלאמאציעס, וועלכע האבען גערופען צו אנ'אויפשטאנד. מ'האט אבער געווארט אויף נאכפעס. די אנפירער, די לידערס זענען געווען שטארק דערנערווירט און ערווארט מיט אומגעהויערען אומגעדולד אויף א ידיעה. אלע חיילע האט מען געקוקט אויף די האנדזייגערלעך און געקוקט צו דער טיר, צי ס'געהט נישט עמיצער. מ'האט זיך ענדליך דערווארט. דער סופיט פון קעלער האט זיך אין ווינקל א מאך-אויף געטוהן און ס'איז א שפרינג אראב געטוהן א העלדישער יונגערמאן און אויסגערופען:

— ס'איז גוט. אונזערע שטעהן אויף דער וואך ביי דער גרעניץ. —

אלע פנימ'ער האבען אויפגעשטראלט. א מאדנע פרייד האט בעהערשט אלע 20 מאן, וואס האבען זיך בעדארפט לאזען קיין דייטשלאנד מיט זייער אגיטאציע-באגאזש. ס'איז געפאלען א בעפעהל און אלע 20 האבען געריהרט פון די ערטער. זיי זענען אריין אין א לאנגען, טונקעלען קארידאר, פון דארט דורך אומוועגען ארויס אויפן פארטער, וואו ס'זענען געשטאנען 5 אויטאס. מ'האט אריינגעווארפען די פעק מיט'ן געדריקטען אויפרייס-מאטעריאל, דערנאך זענען איינגעשטיגען די 20 שליחים פון דער סאציאל-דעמאקראטישער פארטיי, פרויען און מענער און גלייך אוועק צו דער דייטשער גרעניץ.

איך בין די גאנצע צייט געלעגען אויף א באנק און זיך צוגעקוקט צו אלעם. איך האב נישט געקענט זיצען, ווייל כ'בין נאך געווען קראנק און שוואך. מיט מיר האבען זיך פעראינטערעסירט עטליכע דייטשען, געוועזענע שכנים אין בערלין, וועלכע האבען ביי מיר פערקעהרט אין הויז, געקויפט ביי מיר און מיר זענען געווען גוט בעפריינדעט. גרעטא האט נישט געהאט קיין צייט צו מיר. זי האט אבגעגעבען ראפארטען און בעריכטען פון איהר שפיאנאזש-טעטיגקייט אין בערלין און אויסגעגעבען פערשידענע סודות פון דער געסטאפא. מיינע בעקאנטע דייטשען האבען מיך דערווייל אויפגעפרישט מיט ווין און פאמעראנצען און צו מיר געווען אזוי גוט ווי ברידער.

איך בין אזוי געלעגען אין קעלער א פאר שעה, ביז ס'זענען אנגעקומען צוויי קוריערען. איינער האט געברענגט א ידיעה, אז די עקספעדיציע מיט'ן אגיטאציע-מאטעריאל איז גליקליך אריבער דער גרעניץ און זענען שוין אין דייטשלאנד, ביי די חברים סאציאליסטען. דער צווייטער קוריער איז געקומען פון דייטשלאנד און איבערגעגעבען, אז מארגען אין דער און דער שעה איז שוין צוגעגרייט דער געפלאנטער אטענטאט אויף איינעם פון די גאר גרויסע נאצי-פיהרער. ווען דער געהיימער שליח האט אויסגערעדט די דאזיגע ווערטער, האט איינער פון די לידער איהם געגעבען א צייכען ער זאל שווייגען, ווארפענדיג א זייטיגען ווינק אויף מיר. דאס האט בעדייט: רעד נישט קיין סך. ס'איז דא א פרעמדער. באלד איז צו מיר צוגעקומען גרעטא, זיך ענטשולדיגט פאר מיר און מיר ערקלערט, אז באלד, אין א פאר מינוט ארום פאהרען מיר צו מיר מיין פרוי און קינדער.

ס'איז נישט אויסגעגאנגען קיין גאנצע 5 מינוט און כ'האב איבערגעלעבט א פרישע איבערראשונג. אין קעלער האט זיך פלוצלינג בעוויזען א יונגערמאן, וועלכער איז אויף מיר ארויפגעפאלען און אויסגערופען:

— פאטערג —

(פארטזעצונג קומט)

### מאיר הערץ

# די שוהל אהן אַ דאַך, ס'בית־עולם אהן אַ פּאַרקאַן, און די מקוה אהן אַ פּייפער

### פון דער סעריע «די פוילישע פּאַוסטאַניע»

X

און די גבאים פון הכנסת־כלה האָבן זיך געווענדעט צו מענדעלס פּיליצערס ווייב:

— חיה רויזעלע, איהר ווייסט דאָך יאָ ווי גרויס ס'איז די מצוה פון הכנסת כלה. איהר האָט דאָך אויך טעכטער אויסצוגעבען; היינט שטעלט אייך פאָר וויפיעל בוגרות'ען ס'איז דאָ אין שטעטעל און מען מוז זיי חתונה מאַכען.

ר' וועלוועל חסיד איינער פון די גבאים האָט זיך אַזוי פערגעסען אין זיין התלהבות, אַז ער איז שיער נישט אַרויפגעפאַלען אויף חיה רויזעל און געוואָלט איהר אַרומנעמען צום קושען. ערשט די איבריגע גבאים האָבען איהם אָוועקגעריסען מיט געוואַלד און איהם אויסגע'מוסר'ט:

— ס'טייטש ר' וועלוועל, וואָס טוט איהר, איהר האָט פערגעסען, אַז חיה רויזעלע איז אַ נקבה? —

— כ'האָב טאַקע ממש פאַרגעסען. די מצוה פון הכנסת־כלה האָט מיך אַזוי צו־ברענט, אַז כ'בין געווען גרייט צו קושען אפילו אַ בוים, אַ האָלץ, — האָט זיך ר' וועלוועל חסיד פעררויטעלט.

און אַ צווייטער גבאי פון אַנ'אַנדערער חברה, וואָס איז געווען אייפערזיכטיג און געמיינט, אַז ר' וועלוועל האָט שוין אויסגע'פּועלט אַ מנה יפה פאַר זיין חברה, האָט זיך אָבגערופען מיט אַ שטאָך:

— ר' וועלוועל חסיד האָט פון בלויז רעדען פון יודישע כלות, געקריגען אַ גרויסען יצר הרע צו אַנ'אשת איש. —

דאָס האָט פערדראָסען ר' וועלוועל חסיד, איז ער אויפגעשפּרינגען ווי אַ האָז און דערלאַנגט צוויי פּעטש יענעם גבאי מיט אַ תוספת־כתובה:

— די שייגאָץ איינער, דו עזות פנים מחוצף! דרך־ארץ פאַר אַנ'אַלטען קאָצקער חסיד, דו ערצי־שייגאָץ! —

דער געפּאַטשטער גבאי איז אויך געווען איינער פון די שאַרפע חסידים, אין שטעדטעל. מ'האָט איהם גערופען גרונם וואָרקער, ווייל ער איז געזעסען מעהר אין וואָרקע ביים רבי'ן, ווי אין דער היים ביים ווייב און קינדער; גרונם האָט זיך געוואָלט צוריקכאַפּען. ער האָט שוין געהאַלטען אויפגעהויבען אין דער הויך אַ ברייט־ביינערדיגע דלאָניע נאָר אָט, אָט אַראָבצולאָזען זי אויף ר' וועלוועל קאָצקער'ס פנים. אָבער דאָ האָבען זיך בעצייטענ'ס אַריינגעמישט די אַרומיגע מענשען און מ'האָט זיי ביידע פונאַנדערגעריסען. פאַרדאָס האָט מען זיך גענומען זידלען פאַ־חסידאַצקו און מ'האָט פערבראָקט די רבי'ס.

גרונם האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטען. אין איהם האָט געברענט נקמה האָט ער אויסגעשריגען צו ר' וועלוועל:

— איך לאַך פון קאָצק —

האָט ר' וועלוועל צוריק געענטפערט:

— איך פייף פון וואָרקע!

ביי מענדלען אין שטוב איז געוואָרען אַ פייערדיגע מחלוקה, ערשט דער מרא־דאַתרא האָט קוים איינגעשטילט די צעהיצטע געמיטער און ס'איז געוואָרען שטיל. דאַן איז אַרויס דער בעדער פון דער מקוה ר' אָשר וואָלף מיט אַ טענה און אַזוי געזאָגט:

— אַלע האָבען שוין געזאָגט וואָס זיי ווילען; מ'האָט זיך שוין אפילו געפּאַטשט און געקריגט און געזידעלט, און אפילו שוין מבזה געווען גרויסע צדיקים. אַצינד וויל יאָך עפּעס רעדען. יאַך, יאַך וויל נאָר זאָגען, אַז דער קעסעל פון דער מקוה איז צובראָכען און אָט, אָט ווערט ער אַ ליאַדע טאָג טהון אַ פּלאַץ־אויף, אַז די מקוה וועט צושפּרינגען ווערען. אפילו דער פּייפער איז אויך שוין קאַליע און מ'הערט איהם שוין נישט אַזוי גוט פּייפען פרייטאָג אַלס סיגנאַל צו פערמאַכען די קראָמען. צוליב דעם קומען דריי עבירות: צו חילול־שבת, מחמת דער פּייפער טויג שוין נישט און מען פערמאַכט דעריבער שפּעט די געוועלבער, והשנית ס'קאָן נאָך זיין חלילה קרבנות, והשלישית, און דאָס איז טאַקע דער עיקר, וואָס די נשים וועלען נישט קענען געהן טבילה. אָט האָט איהר שוין חילול שבת, סכנת־נפשות און טהרת בנות ישראל; היינט וואָס ברויך מען נאָך מעהר? על כן איז מיין פערלאַנג, אַז ר' מענדעל, דער נייער און גרויסער גביר פון שטעדטעל דק"ק ניי־שטאָדט זאָל תיכף ומיד אַריינשטעלען אַ נייעם קעסעל אין דער מקוה און דאָס וועט זיין אַ גרויסע תקנה.

— אַ ודאי, אַ ודאי, אַ ודאי, — האָט דער רב מיט די פּרנסים צוגעבאָמקעט און אויסגעדריקט אַ ישר כח גדול דעם בעדער ר' אָשר וואָלף, וואָס ער האָט נישט פערגעסען צו דערמאָנען אַזאַ וויכטיגען ענין.

אַלץ האָט שוין געהאַט אָבגערעדט און געוואָרט, אַז מענדעל זאָל עפּענען דעם בייטעל און אָנהויבען טיילען. יעדער האָט זיך געריכט אויף אַ פּעטע הקפה. מענדעל איז געשטאַנען און מ'האָט געזעהן ווי ער אַרבייט מיט זיך. זיינע ליפּען האָבען זיך בעוועגט און מ'האָט דערקענט ווי ער רעדט צו זיך. מענדעל האָט איצט געפיהרט מיט זיך אַ שווערען קאַמף. ער האָט אַלע מינוט געקוקט צו די בעטען, וואו ס'ליגען די שענניקעס אָנגעפיהלט מיט גאָלד און זילבער. געווען שוין אַ מאָמענט וואָס ער האָט געוואָלט צולויפען און אַרויסשלעפען איין שענניק און איהם אַ וואַרף־טהון די גבירים און זאָגען צו זיי: נאָט אייך, נעמט וויפיעל איהר ווילט. ער האָט זיך אָבער באַלד איינגעביסען די ליפּען און זיך דערמאָנט, וואָס זיין חיה רויזעל האָט איהם ערשט נעכטען געזאָגט אין נאָמען פון מאָגעלניצער רבי'ן, וועלכער האָט איהם בעפוילען, לויט חיה רויזעל'ס פערזיכערונג, אַז ער זאָל למען השם האַלטען דעם אוצר בסוד אַ לענגערע צייט און פאַר קיינעם גאָרנישט זאָגען אַ וואָרט. האָט ער אַריינגעקריצט די צייהן אין דער צינג און זי געהאַלטען פעסט איינגעשלאָסען אין מויל, אויסהיטענדיג זיך מיט כל אמצי־כחות מיט אַ איבריג וואָרט נישט אַרויסצוכאַפּען זיך. מענדעל האָט געברומט ווי אַ לייב, וואָס ליגט אין אַ שטייג אַרומגעצוימט מיט אייזערנע קראַטעס, דורך וועלכע ער רייסט זיך אַרויס און קען נישט.

דער רב האָט זיך אָבער געאיילט, ווייל ס'האָט איהם פאַרט נישט געפּאַסט צו זיצען אַזוי לאַנג און וואַרטען. האָט ער איבערגעריסען מענדלען אין מיטען זיין טראַכטען און איהם געפרעגט מיט גרויס דרך־ארץ:

— על כן, ר' מענדעל, ווי לאַנג זאָל מען וואַרטען אויף אייער תשובה?

מענדעל האָט זיך אַ ריס־אָב געטהון פון זיינע פערטיפטע מחשבות און ער האָט געגעבען אַ האַסטיגען ענטפער:

— כ'האָב נישט צו געבען קיין שום תשובה. ווער האָט אַזוי פיעל געלד? מסתמא האָט אייך איינגערעדעט ר' העשקעלע חלפן, אַז כ'האָב אַ גאַנצען אוצר. דאָס איז זיין אַרבייט. ער האָט צופלוישט פאַר'ן גאַנצען שטעדטעל וועגען די הונדערט רענדלעך, וואָס כ'האָב ביי איהם אויסגעטוישט. ווייניג וואָס ר'האָט מיר אַראָבגעריסען 5 רענדלעך פאַר'ן טוישען, האָט ער נאָך אייך אַהער געשיקט.

זייט וויסען, רבותי. אַז העשקעלע מאַכט פון אייך חוזק. נישט קיין מיאוסע קאַשע האָט ער דאָס פערקאָכט! וואָרום וואָס איז דער רעש, אַז מענדעל בעל־עגלה פאַרמאָגט שוין הונדערט גאָלד־שטיקלעך? ר' העשקעלע חלפן פערמאָגט דען נישט צוואַנציג מאָהל אַזוי פיעל? —

מענדעל איז צוגעגאַנגען נעהנטער אויף עטליכע טריט צום רב און ווייטער געצויגען זיינע רייד:

— איהר זענט טאַקע גערעכט, רב, מ'דאַרף אַ דאַך איבער דער שוהל. אַ פּאַרקאַן פאַר'ן בית־החיים. אויך דער בעדער ר' אשר וואָלף איז נישט אומגערעכט. מ'דאַרף טאַקע אַ נייעם קעסל אין דער מקוה, אָבער וואו זענען די שטאָטישע גבירים? פאַרוואָס גיבען זיי נישט? כ'פערשטעה, ר' חעשקעלע חלפן האָט אַ קלוג קעפּעל. ער האָט פערשטאַנען, אַז ס'געהט צו ווינטער וועט מען זיך צו איהם ווענדען נאָך האָלץ, האָט ער געפּאַקט אַ פרישען גבאי און ער וויל פון זיך דאָס אַלץ אַראָבוואַרפען.

איך וועל זיך פונדעסטוועגען נישט אָבזאָגען. און כאָטש איך בין נאָך נישט אַזוי רייך ווי די איבריגע גבירים פון ניי־שטעטל. בין איך מנדב אַ טייל פון דעם געלד, וואָס כ'האָב געטוישט ביי ר' העשקעלע.

(פאָרטזעצונג קומט)

### י. ב. שטריימאַן

## אָווענד

דער אָווענד זינקט אויף דער לאָנקע
אויף די ביימער הענגט די נאַכט,
פון וואַסער אַרויס דער באַנק טוט באָנקען
און דער וואַלד האָט זיך פערמאַכט.

פון דעם טייכעל גייט אַ פּאַרע
די ווערבע מאַכט די אויגען צו,
דער מערב בעקומט אַ רויטע מראה
און פאַרבט דעם לעצטען פויגעל־פליה.

דער הימעל האָט געלעגט זיך שלאָפען
אין דעם הענגל־וויעג אַריין,
די ערד מאַכט בורא פרי הגפן
און טרינקט זיך אָן מיט רויטען וויין.

## נייע ביכער

### צום דערשיינען פון מ. טייכמאַנס בוך:

### «מענטשען און יאָרען»

זינט די לעצטע נאָך־מלחמה־יאָהרען באַשטייט די יודישע ליטעראַטור אין דער גרעסטער העלפט פון לידער און... לידער. הימל און ערד און — לידער.

פאַרשידען זענען די מיינונגען פון די יודישע ליטעראַטור־קריטיקער וועגן דער דאָזיגער דערשיינונג. כמעט אַלע אָבער האַלטען, אַז ביים גרעסטען טייל נאָך־מלחמה דיכטער איז עס אַ פּועל־יוצא פון קורצען אָטעם...

מיר מיינען נישט דאָ צו זאָגען, אַז ס'רוב לידער זענען שלעכטע, און אַז זיי האָבען דערזעהן דעם ליכטיגען שיין נאָר אַ דאַנק דעם, וואָס די מחברים האָבען געהאַט דאָס גליק צו פאַרמאָגען אין טאַש פופציג אָדער הונדערט גילדען... ניין, נישט דאָס זענען מיר אויסען און אודאי איז דאָ נישט דאָס פּאַסיגע אָרט דערויף, מיר ווילען אָבער פעסטשטעלען אַ פאַקט, אַז די דאָזיגע דערשיינונג האָט זיך זייער שלעכט אָפּגערופען אויפן יודישען ביכער־מאַרק. דער קאָנסומענט האָט כסדר געטענה'ט צום פאַרלעגער: „גיט מיר אַ גוטע דערציילונג!"

אַ טענה אַ גערעכטע און אַ געזונטע! עס מיינט אָבער נישט, אַז אין די לעצטע צוויי־צענדליק יאָרען איז לגמרי נישט דערשינען קיין פּראָזע, אָט איז דאָך: שלום אַש, יוסף אָפּאַטאָשו, אברהם רייזען, דוד בערגעלסאָן, י. מ. ווייסענבערג, י. י. זינגער, עוזר וואַרשאַווסקי, ז. שניאור, אהרן צייטלין, לייב מלאַך, שמעון האָראָנטשיק, יהושע פּערלע, לייב ראַשקין, ש. בערלינסקי, מ. בורשטין און — סטאָפּ! הייסט עס, אַז ס'איז יאָ געשאַפען געוואָרען פּראָזע און גראַד וואָגיגע ווערק. אָבער... מען קען דאָך נישט בלייבען ביי אָט די אויסגערעכענטע. גאָר באַזונדער געהערען דאָך אַ גרויסער טייל פון די אויסגערעכענטע צו די פאַר־מלחמהדיקע שרייבער, אַזוי, אַז דער צופלוס פון פרישע כוחות איז זייער אַ קנאַפער. און ס'איז דאָך באַוואוסט, אַז אַ געזונטע ליטעראַטור מוז האָבען אַ צופלוס פון פרישע כוחות. אַנדערש איז אונטערגאַנג. אָט אַ פאַר דעם האָט מען זיך געשראָקען.

דאָס יאָהר 1939 האָט אָבער, פונדעסטוועגען, אַביסל אַ ריר געטון: יאָסל צוקער („אַ פערעמד לעבען"), יעקב פישמאַן (זומערדיגע טעג") און איצט: מ. טייכמאַן מיט זיין בוך דערציילונגען „מענטשען און יאָרען".

אייגענטליך זענען דאָס נישט די ערשטע קינסטלערישע טריט וואָס מ. טייכמאַן שטעלט אין דער יודישער ליטעראַטור. מיר קענען אים פון אַ רייע ערנסטע אָפּהאַנדלונגען וועגען ליטעראַטור, מיר קענען אים אַלס מחבר פון „מייז יאָר", אַלס רעדאַקטאָר פון „קינדערפריינד", און לעצטענס אַלס אויסגעצייכענטער איבערזעצער פון „גוליווער ביי די ליליפּוטען" און „דער פיינט אונטערן מיקראָסקאָפּ". דאָס אַלץ אָבער, זענען, ווייזט אויס, געווען פּרוּוען פון פאַרמעסטונגען און שטאַפּלען צו זיין איצטיק בוך „מענטשען און יאָרען" אין וועלכען ער האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר אונז אַלס רייפער קינסטלערישער דערציילער.

«מענטשען און יאָרען» איז אַ בוך, וואָס ווערט אונז ליב און נאָענט שוין פון די ערשטע פּאָר שורות אָן. הויבט מען נאָר אָן לייענען דאָס ערשטע זייטל, וועט מען דאָס בוך שוין נישט אַוועקלייגען ביז מען וועט האַלטען ביי דער זייט 167 — ביים סוף. נישט נאָר מיט די אויגען, נאָר מיט אַלע חושים לייענט מען עס. איינשלינגען וויל מען עס. סיבה? —

אַ סך סיבות זענען פאַראַן: זאַפטיגע שפּראַך, קלאָרער סטיל, פיין־געבויטער זאַץ, נייער ריטם, נייער טאָן, נייער שטאָף, לאַנגער אָטעם, זיכערקייט אין דער טעמע, פאַרמעסט, דרייסטקייט, אַקציע, פּסיכאָלאָגיע, אַטמאָספער און דער עיקר: עס בינדט זיך און קניפּט זיך פון אָנהויב ביזן סוף. קיין איין איבריק וואָרט, קיין איין פאַלשער טאָן. אַלץ איז נעוואָריגען און געמאָסטען. אַלץ איז רעאַל, געזונט און אמת'דיק.

אָט דאָס אַלץ צוזאַמען רייסט מיט און ציט אַריין דעם לעזער אין דער געשילדערטער אַטמאָספער אַזוי, אַז ער הויבט אָן מיטגיין, בעסער געזאָגט: מיטלעבען מיט די העלדענס ליידן און פריידן — מיט זייער לעבען.

דאָס בוך פאַרמאָגט אינגאַנצען דריי דערציילונגען. צוויי פון זיי נעמען אַרום דאָס יאָר 1905 און די דריטע „כוחות", איז אַ שילדערונג פון אַ יודישען סטודענט, אַן אידעאַליסט, וועלכער ווערט פאַרוואָרפען אַלס לערער פון דער נייער יודישער פאָלקסשול אין אַ ווילד פרעמדען ליטווישען שטעטעל, וואו עס קומט אים אויס צו פיהרען אַ האַרטען קאַמף מיט די שיינע שטאָט־באַלעבאַטים, מיטן דאָרטיגען פאַרדאַרבענעם ד"ר באַנקער, וואָס איז אַנטלאָפען פון כאַרקאָוו ממש פון אונטער דער באַלשעוויסטישער ביקס אפיר, מיט די פּרוּמאַקעס, צביעקעס און כתם כלערליי אַנשיקעניששען, וואָס האָבען איין און איינציגען מיטל — מסירה... און דאָ, איבער דעם אַלעם גייט אויף אַ הייסע ליבע צווישען איהם, דעם לערער גרין מיט דער דאָרטיגער בעחנטער לערערין רוטע. ס'איז אַ ליבע אָן אויפריכטיגע, אַ צאַרטע, אַ ריינע און אַן ערלעכע.

די דאָזיגע סובטעלע און קינסטלערישע דערציילונג, וואָס צייכענט זיך אויס מיט אַ סך אייגנאַרטען פון נוסח, פאָרם, אופן און שפּראַך — וועט זיכער מ. טייכמאַנען אוועקשטעלען אין איין ריי מיט די אָנגעזעהענע יודישע שרייבער פון דער לעצטער צייט.

זעהר אָריגינעל זענען אויך די צוויי דערצעהלונגען פונ'ם יאָהר 1905 — „ר' שאַיע לעווין גוססט" און „צווישען ברידער". אייגענטליך איז שוין דאָס דאָזיגע רעוואָלוציע־יאָהר גענוג און גענוג בעשריבען געוואָרען, דאָך זענען די צוויי דערמאָנטע דערצעהלונגען ניי און אָריגינעל. אָריגינעל דערפאַר, ווייל דער מחבר, מ. טייכמאַן האָט זיך נישט בעגנוגנט מיט'ן בעשרייבען בלויז די רעוואָלוציע גופא, נאָר עס איז איהם מעהר געגאַנגען אין דעם אַרום — ווי אַזוי עס האָט דעמאָלט רעאַגירט און מיטגעמאַכט דאָס רעוואָלוציע־יאָהר דער יודישער גביר, דער בעל־מלאכה, דער חסיד, די פרוי, די מאַמע און דאָס קינד. אין דעם איז איהם געגאַנגען. און — מ. טייכמאַן עפענט פאַר אונז טאַקע עטליכע בלעטלעך, וואָס שפּיגלען אָפּ דעם גאַנצען אומרו און נשמה־געראַנגעל פון אָט דעם אַרום.

„צווישען ברידער" איז אַ קינסטלערישע און פּסיכאָלאָגישע דערצעהלונג. דער מחבר שילדערט אונז דאָ אַ געוויסע פאַמיליע וואַסערמאַן, ביי וועלכע עס שפּיגעלט זיך אָפּ די גאַנצע רעוואָלוציע סיי פון אינעווייניג סיי פון אויסענווייניג. ס'איז אַ באַלעבאַטישע פאַמיליע, וועלכע ווילען, אַז זייערע קינדער זאָלען געהן אין גוטע דרכים, ווי טאַטע־מאַמע הייסט, און דאָ, אויף להכעיס, רייסט זיך זייער עלטסטער זוהן, הערש מענדעל צו וועלטליכער בילדונג; דער מיטעלסטער זוהן, שמואל האָט אַוועקגעוואָרפען די ישיבה און געוואָרען אַ פּשוט'ער קאַמאַשענמאַכער און איז צוגעשטאַנען צו די שטרייקערס און געוואָרען ביי זיי אַ גאַנצער מאַכער, און אויך דער יונגסטער זוהן, מאָטעל איז געכאַפּט אין די מעשה — אין זיין יונגען מוחל פער'גנב'ענען זיך פראַגען, ספיקות און — פּראָטעסטען...

מייסטערהאַפט זענען געשילדערט די געפּרעסטע שמועסען און טיפע איבערלעבונגען פון דער דאָזיגער פאַמיליע, וועלכע נעמען אויף זייער זוהנס אַרעסט ווי אַ בעליידיגונג, ווי אַ פּאַטש אין פּנים. און ס'איז דאָך קיין וווּנדער: „די דאָזיגע באַלעבאַטישע יודען האָבען קיינמאָהל נישט געהאַט צו טהון מיט קיין גערייכטען אָדער זשאַנדאַרמעריע. ביים בלויזען אַרויסרעדען די ווערטער פּלעגט זיי איבערגעהן איבער'ן לייב אַ ציטער פון שרעק, און דאָ מיט אַמאָהל אַרעסט, רעוויזיע, שלעפּען יעדע וואָך צום סליעדאָוואַטעל (אויספאָרש־ריכטער), טראָגען עסען אין טורמע אַריין. ניין, דאָס איז געווען איבער די כחות". און דאָ, איידער מען געוויינט זיך צו צום אומגליק — אַ פרישע צרה און אַ חרפּה: זייער הויז ברענט אָפּ. איז לאָ די וואָס זייער צוויי גאָרענדיג הויז געהט אַוועק מיט'ן רויך, מאַכען נאָך די לאָקאַטאָרען אַ בילבול, אַז... נישט אַנדערש נאָר די וואַסערמאַנ'ס האָבען אַליין אונטערגעצונדען זייער הויז. באַלד געפינען זיך יאָהר־עדות, וואָס האָבען אַליין געזעהן, ווי דער באַלעבאָס האָט אונטערגעגאָסען אַ באַנקע מיט נאַפט. זעהר פּסיכאָלאָגיש איז דאָ איבערגעגעבען דער דורשט נאָך נקמה פון די לאָקאַטאָרען צום באַלעבאָס.

נישט פון קיין קנאַפּערער קינסטלערישער מדרגה איז אויך די דערצעהלונג „ר' שאַיע לעווין גוססט". עס בעט זיך ממש אַרויסצונעמען עטליכע ציטאַטען אָבער עס איז אוממעגליך דאָס צו טהון אונטער איין אונטערשטריך פון אַ צייטונג. מיר וועלען דאָס דעריבער געבען אַ צווייט מאָהל, וואו מיר וועלען זיך אויך אָפּשטעלען אויף טייכמאַנס שפּראַך און אויף דער קוועלע פון וואַנען ער האָט גענומען דעם שטאָף צו זיינע דערצעהלונגען.

**גבריאל ווייסמאַן.**

**לעאפאלד האלפערן**

מיטגליד פון צ. ק. פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין פוילען.

צוגעשיקט ספעציעל צום „ראדאמער-קעלצער-לעבען“.

# די שטאדט-ראט-וואהלען אין לאנד.

אויף דער פראווינץ, אין די מיטעלע און קלענערע שטעדט און שטעדטלעך, קומען איצט כסדר פאר די שטאדט-ראט-וואלען.

די שטאדט-ראטען זענען א זעהר וויכטיג געביעט פון אונזער-לאנדעס-פאליטיק. אין די קלענערע שטעדט בילדען די אידען א גרויסען, אפט א איבערוויגענדען טייל פון דער בעפעלקערונג און די קאמונאלע זעלבסטפערוואלטונגען האבען צו דעצידירען וועגן פיעל ווירטשאפטליכע, קולטורעלע און סאציאלע אנגעלעגענהייטען, וועלכע זענען אונז, אידען, שטארק נוגע. לעצטענס האט זיך אויך אונגעהויער פערשטארקט די פאליטישע בעדייטונג פון די קאמונאלע זעלבסטפערוואלטונגען: אין א געגענזאץ צו דער, דערווייל נאך פערפליכטענדער סיים און סענאט-וואל-ארדינאציע, ערמעגליכט די וואהל-ארדינאציע צו די שטאדט-ראטען צו בעטייליגען זיך אקטיוו אין די וואלען אלע פאליטישע פארטייען. אזוי ארום האבען זיך די שטאדט-ראטען פערוואנדעלט אין א מין קליינע פארלאמענטען, וואס רעפרעזענטירען אלע טיילען פון דער בעפעלקערונג.

דער דאזיגער אומשטאנד האט א בעזונדערע בעדייטונג פאר די אלע פארטייען, וועלכע האבען זיך נישט געקאנט בעטייליגען אין די פארלאמענט-וואהלען צווישען זיי — פאר דער ציוניסטישער ארגאניזאציע און פאר דער ציוניסטישער דעמאקראטיע. דער דאזיגער פאליטישער לאגער שטעהט אויף דעם שטאנדפונקט, אז דער קאמף פאר אידישע רעכט איז ענג פערבונדען מיט'ן קאמף פאר דעמאקראטיע, פרייהייט און נאציאנאלע גערעכטיגקייט אין פוילען. דערפאר טאקע האט זיך די ציוניסטישע דעמאקראטיע נישט געקאנט בעטייליגען אין אזעלכע אקציעס, וואס האבען אויף א אונדירעקטען אופן פערשטארקט די פאזיציע פון דעם פוילישען לאגער, וועמען ס'זענען פרעמד די אויבען-אויסגערעכענטע פרינציפען און וועלכער בעזיצט א אפען-אנטיסעמיטישען פראגראם — פונ'ם „אזאן“.

די לעצטע יארען האבען א סך געלערענט דאס פוילישע אידענטום. איצט פערשטעהט מען שוין דעם צוזאמענהאנג צווישען דעם גוראנגעל פאר דעמאקראטיע אין פוילען און דעם קאמף פאר די אידישע רעכט. ליידער, נישט אלע פאליטישע ריכטונגען האבען שוין ביי אונז בעוויזען ארויסצוציהען די ריכטיגע ממשות'דיגע קאנסעקווענצען פונ'ם דאזיגען בעוואוסזיין. עס קומען נאך פאר אפטע פאלען, ווען געוויסע טיילען פון אונזער געזעלשאפט פערוואנדלען זיך אין א פאליטישען ווערקצייג אין די פרעמדע, אויסגעשפראכען-אנטיסעמיטישע הענד. דערפאר טאקע איז נישט צושטאנד-געקומען קיין אלגעמיין-אידישער וואהל-בלאק אין ווארשא, לאדז און עטליכע גרעסערע פראווינץ-שטעדט, און אויף זיין ארט האט זיך געבילדעט א ציוניסטיש-דעמאקראטישער בלאק מיט א קלארער פאליטיש-אידעאלאגישער פיזיאנאמיע.

ביי די בעפארשטעהענדע שטאדט-ראט-וואהלען דארפען געשאפען ווערען אידעאלאגישע בלאקען דארט, וואו דאס איז נאר מעגליך, ד. ה. אין די גרעסערע שטעדט מיט א גרויסען פראצענטזאץ פון דער אידישער בעפעלקערונג, וואו אזא בלאק האט גענוגענדע שאנסען דורכצופיהרען אינ'ם שטאט-ראט א ענטשפרעכענדע אידישע רעפרעזענטאנץ.

אנדערש אבער שטעלט זיך פאר די לאגע אין די קלענערע שטעדטלעך, איבערהויפט דארט, וואו די אידישע וואלשאנסען זענען קליין. בפרט, ווען אין א רייהע קלענערע שטעהט געהט די גאנצע קריסטליכע בעפעלקערונג פעראייניגט אין איין בלאק מיט א'ן אנטי-אידישען כאראקטער. אין אזעלכע פאלן דיקטירט דער שכל-הישר, אז אויך די גאנצע אידישע בעפעלקערונג מוז געהען פעראייניגט צו די וואלען מיט א איין-איינציגער אידישע ליסטע. אבער אין די דאזיגע פאלען קאן דער געשאפענער בלאק נישט טראגען קיין פאליטישען כאראקטער, נאר פשוט דעם כאראקטער פון א ליסטע פון דער ארטיגער אידישע בעפעלקערונג.

די וואהל-פלאטפארם פון אזעלכע איינהייליכע אידישע בעפעלקערונג'ס-ליסטעס מוז, נאטירליך, טראגען א ברייטען און אלגעמיין-אידישען כאראקטער. איין זאך מוז אבער גאראנטירט ווערען דורך אלע קאנדידאטען פון דער פעראייניגטער אידישער ליסטע: נעמליך, אז אינ'ם שטאט-ראט קאנען זיי נישט אין קיין שום פאל זיך לאזען בענוצען אלס א ווערקצייג אין די הענד פון די אנטיסעמיטען און, אז אין קיין שום פאל זאלען זיי ביי די בירגערמייסטער, אדער פרעזידענט-וואלען נישט שטימען אויף א קאנדידאט פון די אנטיסעמיטישע פארטייען און געגען דעם דעמאקראטישען קאנדידאט. דאס מוז פייערליך פערפליכטעט ווערען, איידער מען וועט ארויסשטעלען די פעראייניגטע ליסטע פון דער אידישער בעפעלקערונג.

* * *

דאס זענען די גאר-אלגעמיינע פרינציפען פון דער וואהל-טאקטיק, וואס ווערט דיקטירט פונ'ם ציוניסטיש-דעמאקראטישען שטאנדפונקט.

מיר שטעהען אין א וויכטיגען פאליטישען קאמף, און מיר מוזען וויאמשטארקסטען דעמאנסטרירען פאר אונזערע בירגערליכע און נאציאנאלע רעכט, פארן זיעג פון דער דעמאקראטיע און געגען דעם אנטיסעמיטיזם.

אונטער די דאזיגע הויפט-לאזונגען — אלע אידען צו די וואהל-אורנעס!

ווארשא 21 אפריל.

# סענסאציאנעלער פראצעס פון פוילישע רעדאקטארען אין ראדאם.

מארגען שבת וועט אין ראדאמער קרייז-געריכט פארגעקומען א סענסאציאנעלער פראצעס.

עס האנדעלט זיך דא וועגן דעם בעקאנטען רעדאקטאר פון ראדאמער „דזיען-דאברי“ פראנצישעק באראווסקי, וועגן וועלכען די היגע ענדעקישע צייטונג „גאזעטא ראדאמסקא“ האט אין עטליכע ארטיקלען געשריבען, אז ער האט גענומען געלד ביי די נייע קריסטליכע סוחרים, (אוושעם-סוחרים רעד.) מכלומר'שט אין דער פארם פון אנאנסן; אז ער איז א נישט גלויביגער קאטאליק ווייל ער האט זיך שלעכט אויסגעדריקט אויפן אדרעס פון פוילישען קלער און קירכע.

רעד. באראווסקי האט זיך געטראפען שטארק בעליידיקט פון אזעלכע ארטיקלען און האט איינגעקלאגט אזוי דעם ארויסגעבער פון דער צייטונג, דעם געוועזענעם סענאטאר סאלטיק און אזוי דעם רעדאקטאר פון די „גאזעטא ראדאמסקא“ וויטאלד באראווסקי.

דער פראצעס האט ארויסגערופען גרויס אינטערעס, ווייל עס קען זיך מאכען, אז די ראליען זאלען זיך טוישן און פון א בעשולדיקטען זאל ווערען א בעשולדיקער, אדער פערקעהרט. רעד. פראנצישעק באראווסקי בעמיהט זיך טאקע ריינצוואשען פון דעם, וואס די „גאזעטא „ראדאמסקא“ ווארפט אים פאר.

ער האט זיך טאקע ענערגיש גענומען צו דער ארבייט, אזוי, אז ער האט אנגאזשירט 2 אדוואקאטען פון ווארשא: סאוויצקי און שמאגיער.

סאלטיק און רעד. וויטאלד באראווסקי וועלען פערטיידיקט ווערען דורך דעם אדוו. זדזשיטאוויעצקי.

אינ'ם פראצעס וועלען ארויסטרעטען אלס עדות: פרעזעס פון די פוילישע סוחרים מגר. לאגאדזשינסקי; דער בעקאנטער אוושעם-סוחר קאמאסא און דער קארעספאנדענט פון גאניעץ ווארשאווסקי פלארטשיק. דער הויפט-בעשולדיגונג'ס עדות וועט זיין אדוו. גאיעוויטש.

וועגען דעם פראצעס וועלען מיר בעזונדער שרייבען.

אר.

# צוואנציג-יעהריגער יוביליעאום
# פון די ערשטע 105

אין די ערשטע טעג פסח ד. י. איז געווארען צוואנציג יאהר ווען די גוט בעקאנטע גרופע פון 105 פוילישע חלוצים האבען נאך לאנגע וואנדערונגען איבער פערשידענע לענדער, זיך דערשלאגען צו די טויערען פון ארץ ישראל.

צוואנציג יאהר איז געווארען ווען די אט 105 חלוצים האבען זיך אריינבעקומען קיין ארץ-ישראל, וואו זיי האבען זיך גענומען בויען דאס לאנד ביי די שווערסטע, אונמענשליכע בעדינגונגען.

וויפיעל און וואס האבען זיי זיך נישט אויסגעליטען אין זייער שווערען און לאנגען וועג! די 105 יודישע יונגעלייט זענען נישט געקומען מאכן ביזנעס אין נייעם לאנד. דאס זענען געוועזען הייסע ציונים, אידעאליסטען, וועלכע זענען פאר זייער אידעאל גרייט געוועזען זייער יונג לעבען אפצוגעבען.

חדשים-לאנג האבען זיי זיך געוואלגערט פון שטאט צו שטאט און פון לאנד צו לאנד. נישט איינמאהל זיך געטראפען מיט הונגער און נויט. לאנגע וואכען איז זייער גאנצע טעגליכע ערנעהרונג בעשטאנען פון ברויט און פאמעראנצען (איטאליען) אזוי האבען זיך מפרנס געוועזען אויפן וועג פון זייערע וואנדערונגען, קינדער פון גאר רייכע היימען. זיי האבען זיך פאר גארנישט אבגעשראקען.

עס איז ווערט צו דערמאנען, אז די גרעסטע ציוניסטישע פערזענליכקייטען ווי אויסישקין און אנד. האבען נישט געגלויבט, אז מיר וועלען זיך אריינבעקומען אין אזעלכע צייטען קיין ארץ-ישראל; מיר זענען אבער געוועזען הארט ווי שטאהל און האבען אונזער ציעל דערגרייכט.

אויף ווי ווייט עס זענען צווישען אונז געוועזען אידעאליסטען, קען דינען אויף דער פאקט, אז אין נעאפאל, רוים, אלעקסאנדריען. האבען זיך געקאנט גאר גוט איינארדנען עטליכע יונגע לייט אלס פאכמענער, וועלכע וואלטען געקענט אין א קורצער צייט מאכען א פערמעגען; זיי האבען אבער אפגעווארפען אלע גלענצענדע געשעפט'ס-פראפאזיציעס און זענען געקומען צוזאמען מיט אלע קיין ארץ ישראל, וואו זיי האבען שווער געארבייט ביים שאפען נייע קאלאניעס. נישט איינמאהל קראנק געווארען אויף פיבער און אנדערע שווערע ארץ-ישראל-קראנקהייטען.

מיר קענען מיט אונזערע ראדאמער חברים פון יענער צייט זיין שטאלץ.

יענער איינער פון אונז האט צוגעלעגט א קליין ציגעלע צו דעם אויפבוי פון לאנד. (אויך דער שרייבער פון די שורות האט לאנגע חדשים געארבייט ביים טרוקענען די בלאטעס פון די קאלאניעס כינרת, דגניה) און ווען מען וועט אויפמישען די ליסטע פון יודישע קאלאניעס אין ארץ-ישראל וועט מען זעהן, אז נישט איינע פון זיי איז אויפגעשטעלט געווארען מיט שווייס פון אונזערע ראדאמער חברים, פון די 105 נאך מלחמה'דיגע חלוצים.

20 יאהר זענען אוועק פון יענער צייט און מיר קענען דרייסט זאגען, אז אונזערע חברים, וועלכע זענען דארט פערבליבען, האבען מיט זייער ארבייט, מיט זייער אפפער די ראדאמער יודען פערשאפען גרויס כבוד.

ביים איצטיגען מאמענט האבען מיר א רייהע פון די ראדאמער חברים אויף גאר הויכע אמטען. איינער פון זיי חיים ורדי (ראזענפעלד) איז לעקטאר אויף דעם ירושלים'ער אוניווערזיטעט; צבי ורדי (ראזענבלום) בעקאנטער ארץ-ישראל אדוואקאט; חיים ורדי (ראזענצווייג) נאטור-וויסענשאפט-געלעהרטער; באניק (בנימין) האבבוים, בעקאנטער ארבייטער-טהוער און פיעל אנדערע פערזענליכקייטען.

**א. ראזענפעלד.**

**מלך ראוויטש**

# משה דוד גיסער

ראדאם 1893. קעלן אין דייטשלאנד
1917. ווארשע 1921. ארגענטינע
1924. סאנטיאגא און טשילע 1933.

משה דוד גיסער איז א צארטער פאעט פול מיט פארם, מיט לשון, מיט זאפטיגער פויליש יודישקייט, מיט א סך נאאיווקייט און א סך פאטאס פון איינעם, וואס ווען ער וואלט נאר געהאט פליגלען וואלט ער כסדר געפלויגען ווי א פויגעל. אין זיין ערשטען פאך, פרנסה-פאך, איז ער געווען א מעטאל-גיסער. אין זיין צווייטען פאך א לעהרער אין יודישע שולען אין ארגענטינא. מען דערצעהלט, אז ער פלעגט זיך ביי די ווילדע ארגענטינער יודישע יאטען מיט טרעהרען אין די אויגען בעטען, אז זיי זאלען זיך לערנען, אבער עס האט נישט געהאלפען. אז דער לעהרער, דער סענטימענטאל-לירישער פאעט, איז אמאהל דערשלאגען אנידערגעפאלען אויף זיין לעהרער-שטול, האבען זיי זיך דערשראקען, אזוי ווי זיי וואלטען דער'הרג'עט דעם לעהרער, זענען געלאפען רופען א דאקטאר. אבער אויף צו מארגען'ס זענען זיי ווידער געוועזען די זעלבע רוצחים. דעמאלט האט גיסער בעשלאסען איבערצושפאנען די צווייט העכסטע בארג-וואנט פון דער וועלט, די אנדען, און האט זיך בעזעצט אין טשילע. דא איז ער געווארען א יודישער דרוקער. ווידער אומגעקעהרט זיך אין א געוויסען זינען צו מעטאל, צו בליי, כדי אנצוהאלטען די מעטאל-טראדיציע פון זיין משפחה.

משה דוד גיסער בענוצט זיך זעהר אפט אין זיין ליד מיט דעם ווארט „שפיאלטער“. דאס איז א ווארט פון זיין קינדער-שטוב. אבער אזוי ווי מיין טאטע איז נישט געוועזען קיין מעטאל-גיסער, נאר א וואלד-סוחר, איז אזוי ווי גיסער ווייסט נישט פון די ווערטער „גרובען-פאסטעו“ און „קוביק-צאהל“, די ווערטער פון מיין קינדער-שטוב אזוי ווייס איך נישט פון „שפיאלטער“ און זאל עס אונז ביידע קיין שאדען נישט זיין.

משה דוד איז אייביג אויפגערעגט און אייביג גרייט אדער אייך צו לעזען זיינ'ס א ניי ליד, אדער צו הערען אייער'ס א ניי ליד. און אז ער לייענט א ליד סקאנדירט ער, אזוי ווי א שול-יונגעל טראטאטאטאטא-טא. און דעמאלט לייכט-אויף דאס פנים זיינ'ס. לייכט, יונג און יונגליש דורך אלע הונדערט קנייטשען פון א שווער און הארעפאשנע לעבען פון א דור-דורות'דיגען הארעפאשניק. אן אמת'ן הארעפאשניק אט אזוי ווי אין די קליינע אותיות איז פערשריבען. און דעמאלט ווילט זיך אייך איהם זאגען: רבי משה דוד הקופער-גיסער האט געזונגען:

ווייסע רויזן, רויטע רויזן,
ליליען און נארציסן,
קינדער הונגעריק און עלנט
גייען אפגעריסן.

משה דוד'ס ווייב איז א אוקראיניש יודיש פאלקס-קינד און אט אזוי ווי זי וואלט צו איהם געקומען גלייך פון זיין אייגענעם פאלקסטימליך ל י ד ארויס. און קינדער האט ער דריי און יעדעס מיט אלע זיבען הנ'ען. און איצט הערט, פרויען פון יודישע פאעטען: אז משה דוד איז שוין געוועזען אין טשילע און זיין ווייב מיט די קינדער אין ארגענטינא האט זיין פרוי בעשלאסען וואס גיכער אריבערצופאהרען צו איהר מאן. געלאזט זיך אין וועג אריין מיט קינד און קייט, אבער פונקט האט זיך די „טראנסאנדינא“ אפגעשטעלט צוליב שניי-זאווערוכעס. די מוטיגע פרוי איז דעמאלט אויף אייזעלעך מיט די קינדער אריבער די אנדען-בערג. פאר און נאך איהר זענען מענשען דערהרג'ט געווארען אויף דעמזעלבען וועג. אבער זי איז בשלום אריבער. וואלט דער מאן, דער פאעט, די וואנטוריסטישע רייזע מיטגעמאכט, וואלט ער א גאנץ בוך זיין פרוי געווידמעט פאר איהר מוטיגער טהאט.

אין 1924, ווען גיסער האט געהאלטען ביים פערלאזען ווארשא, האבען מיר מיט ליבשאפט, די „כאליאסטרע“-גרופע, ארגאניזירט א געזעגענונג'ס-אווענד, אבער ווי דאס מזל וויל און דער שטייגער א'ז. זענען געקומען זעהר ווייניג מענשען צו געזעגענען זיך מיט דעם דיכטער, וואס האט אזוי שעהן בעזינגען דעם פויליש-יודישען שטייגער. יום-טוב'דיג איז אבער אויך אין אזא סטואציע געוועזען דעמאלט גיסער'ס פנים און יום-טוב'דיג האט עס געשטראהלט פון ווייסען קעלנערעל ארויס. מען האט עס בעמערקט, ווייל געוועהנליך האט דער שווער-ארבייטער געטראגען אן ארבייט-העמדעל. און אט זענען פערצען יאהר אריבער. אין 1937 בין איך אנגעקומען קיין סאנטיאגא דע טשילע — און דאס זעלבע שטראהלענדיגע פנים גריסט מיך ביים אנקומען פון דער באהן. דער זעלבער שמייכעל — נאר קנייטשען מעהר.

און אט זענען שוין א פאר וואכען אריבער. לאנגזאם פאהרט ארויס די באהן פון דעם וואקזאהל פון סאנטיאגא. נאך גריסט מיך דער דיכטער פון דער ווייטען מיט דער האנד, איך הויב אויף דעם בליק, איבער זיין קאפ איז „אלפענגליען“ פון די שניי בעדעקטע שפיצען פון די בערג ארום דער שענער הויפט שטאדט פון טשילע פארנאכט.

פארנאכט ביי אונז, מיין ליבער צעשמייכעלטער משה דוד, פארנאכט ביי אונז. איך בין אין דעם זעלבען יאהר געבוירען, וואס דו.

## פון רעדאקציע.

דאס געבראכטע ארטיקעל איז געוועזען געדרוקט דא נישט לאנג אין דער „נייער פאלקסצייטונג“.

מיר דריקען דאס איבער דערפאר, ווייל משה דוד גיסער איז אונזער'ס א בן-עיר, וועלכער האט — ווי איהר זעהט פון געבראכטען ארטיקעל — מיט א רייה יאהרען צוריק אויסגעוואנדערט פון ראדאם קיין ארגעטינא, וואו ער איז אויסגעוואקסען אלס איינער פון די אנגעזעהענסטע יודישע דיכטער.

אין אונזער צייטונג האבען מיר שוין געגעבען א גרעסערע אפהאנדלונג וועגן זיין לעבען און שאפען.

היינט צו טאג געפינט זיך מ. ד. גיסער אין סאנטיאגא (טשילי), וואו ער רעדאגירט די ליטערארישע אויסגאבעס: „זיד אמעריקא“ און „פאסיפיק“.

איבער דער גאנצער צייט פון זיין אפוועזענהייט שטעהען מיר אין א נאהנטען קאנטאקט מיט גיסער'ן.

פאר די לעזער פון אונזער צייטונג וועט זיין אן אנגענעהמער סיורפריז ווען מיר וועלען זיי מיטטיילען, אז בקרוב הויבט אן משה דוד גיסער מיטארבייטען אין אונזער צייטונג.

■■■■■■

# דער אנטייל פון די ראדאמער יודען אין דער הלוואה פון לופט-פערטיידיקונג.

## פראקורענט פון באנק-פאלסקי אויף א זיצונג פון יודישען קאמיטעט — דעלעגאציע פון יודישע דראזשקאזשעס אין גמינע — אעראפלאן וואס וועט טראגען דעם נאמען „דער בעקער" (פיעקאזש) — ספעציעלע צייכנישען, פאר די וואס האבען געצייכענט און פאר די וואס האבען נישט געצייכענט אויף דער הלוואה — די צייכנישען וועלען ארויסגעהאנגען ווערן איז די שוי-פענסטער, און אויף די טהירען פון די געשעפטען —

### בלאק-קאמענדאנטען וועלען צונויפשטעלען ליסטעס פון די איינוואהנער אין די הייזער — פרויען שענקען זילבערנע און גאלדענע חפצים.

דינסטאג איז פארגעקומען א זיצונג אין גמינע, פון יודישען פראפאגאנדע-קאמיטעט פאר דער הלוואה פון דער לופט-פערטיידיגונג. אויף דער זיצונג איז געווען אנוועזענד אלס דעלעגאט פון הויפט-קאמיטעט דער פראקורענט פון דער באנק-פאלסקי, ה' לענטשיצקי.

עס זענען אבגעגעבען געווארען בע-ריכטען פון פערשידענע ארטיגע יודישע ארגאניזאציעס. וועלכע האבען שוין געצייכענט פאר דער פליה-הלוואה.

דער יודישער אנטייל אין דער סובס-קריפציע שטעלט זיך פאר אין ראדאם לויט פאלגענדע ציפערען:

19 יודישע דאקטוירים האבען גע-צייכענט 8000 זל. די יודישע אדוואקאטען האבען בעשטימט אריינצוטראגען זייער חלק אין דער פליה-הלוואה, אין דער פארם פון חודש-פערדינסטען. ד"ה זיי גיבען אוועק אויף דעם צוועק דעם דורכשניטליכען פערדינסט פון א מאנאט; די מיטגלידער פון קליינהענדלער-פערבאנד האבען ביז היינט גע-צייכענט 7200 זל. אפילו סטראגאניא-זשעס, וואס זענען בעפרייט פון פא-טענטען און שטייערן, האבען געפיהלט פאר זייער פליכט צו זיין בעטייליגט אין דער הלוואה; די מיטגלידער פון סוחרים-פעראיין האבען געצייכענט ביז היינט 9000 זל. חוץ דעם האט א טייל מיטגלידער אנגעגעבען דעקלאראציעס דורך ק. ק. א. און דורך דער ווארשאווער האנדעלס-באנק, וועלכע ערטיילען זיי צו דעם צוועק קרעדיטען; די צעכען פון האנדווערקער-פערבאנד אויף רוויינסקא 1 האבען ביז היינט געצייכענט 3600 זל. פון דעם האט בלויז דער יודישער בעקער-צעך געצייכענט 2340 און די איבריגע צעכען 1260 זל.

אויסער דעם האט דער ראדאמער יודישער בעקער-צעך זיך בעשטייערט מיט 760 זל. אויף אנ'אעראפלאן פאר דער פוילישער ארמעע. דער אעראפלאן, וועלכער וועט טראגען דעם נאמען „פיעקאזש" ווערט געשאנקען פון אלע בעקער-צעכען, אזוי פון קריסטליכע און אזוי פון די יודישע, אין דער קעלצער וואיעוואודסטווא.

דער יודישער פליישער-צעך האט ביז היינט געצייכענט 3040 זל.

אין מיטען דער זיצונג איז ארויפגעקומען אין גמינע א דעלעגאציע פון יודישע דראזשקאזשעס, וועלכע האט ערקלערט, אז זיי ווילען אויך ערפילען זייער בירגער-ליכען חוב. זייער פעראיין, וועלכער צעהלט 80 מיטגלידער, האט בעשלאסען צו צייכענען 500 זל. זיי וועלען דאס געלד אב-שפארען פון זייערע שווער-פערדארבענע גראשענ'ס, וועלענדיג געבען דערמיט אנ-אויסדריק זייערע פאטריאטישע געפיהלען פאר'ן פאטערלאנד. דערווייל גיבען זיי 200 זל. די רעשט וועלען זיי צונויפזאמלען און מיט צופרידענהייט ארויפברענגען אין קאמיטעט.

די ערקלערונג פון דער דעלעגאציע, פון די יודישע דראזשקאזשעס, האט געמאכט א שטארקען רושם אויפ'ן דעלעגאט ה' לענטשיצקי, וועלכער האט זייערע פשוטע און אויפריכטיגע ווערטער פערנאטירט.

אין המשך פון דער זיצונג האט זיך דער קאמיטעט, בעראטען וועגען ווייטער-דיגע שריט אויפ'ן געביעט פון פראפאגאנדע און אויפקלערונג פאר די ברייטע שיכטען פון דער יודישער בעפעלקערונג. וועלכע זאלען אין א וואס גרעסערער צאהל זיך בעטייליגען אין דער אזוי וויכ-טיגער פאר פוילען הלואה.

אויף דער זיצונג איז דערמאנט געווארען א בעשלוס וואס דער שטאדטישער הויפט-קאמיטעט האט אנגענומען אין בעצוג צו די, וועלכע וועלען זיך אבזאגען צו צייכע-נען די הלואה. דער פרעזעס פון יודישען קאמיטעט האט ערקלערט אין נאמען פון פרעזעס פון הויפט-קאמיטעט, רעיענט פאל-קעוויטש, אז ס'וועט ארויסגעגעבען ווערען ספעציעלע צייכנישען די יעניגע, וועלכע וועלען האבען ווי געהעריג עדפילט זייער פליכט. די דאזיגע צייכנישען וועלען מוזען ארויסגעהאנגען ווערען אין די שוי-פענס-טער. אדער אויף די טהירען פון די גע-שעפטען. ס'וועלען אבער זיין בעזונדערע צייכנישען פאר די, וואס וועלען נישט צייכענען. אין זיי וועט געזאגט ווערען, אז דער, אדער יענער האט זיך אבגעזאגט פון זיין חוב לגבי דער מלוכה און אויך די צייכנישען וועלען מוזען ארויסגע-האנגען ווערען אין די שוי-פענסטער און טהירען פון די געשעפטען און ווארשטאטען.

בעזונדער וועלען די בלאק-קאמענ-דאנטען פון לאפ, ארומגעהען אין די הייזער און צונויפשטעלען ליסטעס פון אלע לאקאטארען און זיי איבערגעבען נאכהער אין הויפט-קאמיטעט פאר דער הלוואה פון דער לופט-פערטייטיגונג, וואו ס וועט נאכקאנטראלירט ווערען, ווער ס'האט יא, אדער נישט געצייכענט.

• • •

איבערמארגען זונטאג וועט אויפ'ן פלאץ דריטער מאי פארגעקומען א גרוי-סער מיטינג געווידמעט דער נאציאנא-לער הלואה פאר לופט-שוץ. ס'וועלען ארויסטרעטען רעדנער פון הויפט-קא-מיטעט. פון יודישען קאמיטעט וועט רע-דען דער פארזיצענדער אדוו. פעניגשטיין

• • •

אין דער זיצונג האבען זיך בעטיי-ליגט פאלגענדע ה"ה:

אדוו. פעניגשטיין (פרעזעס פון יוד. קאמיטעט) הרב קעסטענבערג, די דאק-טוירים לעווי, גאלדבלום, מינסקי, פאסטמאן, יונה זילבערבערג, דיר. א. ליפ-שיץ, סאלאמאן לעווין, קוראווער, ר. האלצקענער, איגנאצי גאלדבערג, איי-דעלבוים, א. מערין, ישראל פעלדמאן, היים קארמאן, משה רובינשטיין, לעשטש, פראקורענט פון באנק פאלסקי לענ-טשיצקי און די רעדאקטארען הערץ און גאלדפארב.

אינטערעסאנט צו פערנאטירען א כאראקטעריסטישען פרט. אין הויפט-קאמיטעט קומען אבט פאר זיצונגען, אויף וועלכע ס'ווערען אויך איינגעלאדן פארשטעהער פון יודישער ווירטשאפטלי-כע ארגאניזאציעס אין פון יודישען קאמיטעט.

אויף א זיצונג די טעג פון הויפט-קאמיטעט האבען זיך בעטייליגט די פארשטעהער פון אלע ווירטשאפטליכע ארגאניזאציעס מיטן אויסנאם פון די פאר-שטעהער פון האנדוו.-פערבאנד, רוויינ-סקא 1. ווען עמיצער האט אויפמערקזאם געמאכט דערויף, האט דער געוו. דעפו-טאט קאספזשיקאווסקי, זיך פערענטפערט, אז מ'האט איהם נישט אויפגעגעבען אזא יודישע ארגאניזאציע און דערי-בער האט דער הויפט-קאמיטעט נישט געוויסט פון דעם.

ס'איז טשעקאווע. אפילו אין אזא מאמענט, טרייבט מען אויך אונזער היימיש געמויזעכץ-פאליטיק. אין גמינע אריין אויף אלע זיצונגען רופט מען יא די פארשטעהער פון האנדוועקער-פערבאנד אויף רוויינסקא און אויף די זיצונגען פון הויפט-קאמיטעט, איז עמיצען געלעגען דערין, אז מ'זאל זיי פערשוויגען און נישט דערמאנען זייער נאמען...

• • •

זונטאג דעם 30 אין מיטוואך דעם 3 מאי וועלען אויף א ספעציעלער ער-לויבניש זיין אפען די קאנטאר פון ווייסעלפיש, די ציוניסטישע באנק, די באנק אודזיאלאווי ספולדזשעלטשי (זשע-ראמסקי 9) מ'זאל קענען סובסקריבירען די הלוואה.

• • •

אין ראדאם האט זיך געגרינדעט א קאמיטעט פון בירגערליכען פרויען און „וויזא", וועלכער זאמעלט זילבערנע און גאלדענע חפצים, ווי פינגערלעך, אוירינגלעך, צווישען יודישע פרויען, לטובת דעם פאנד „פאל" („פאנד אב-ראני לאטנישטי") צו דעם צוועק די-זשורירען טעגליך אין קאנטאר פון ווייסעלפיש. פרויען פון דערמאנטען קא-מיטעט. עס מעלדען זיך א סך יודישע פרויען, וועלכע שטעהען אפט אין „אגאנקעס" אין ווייסעלפיש'ס קאנטאר, האלטענדיק אין די הענד זילבערנע און גאלדענע צירונגען, וואס זיי נעמען פון זיך אראב און גיבען עס אוועק פאר דער נאציאנאלער לופט-פערטיידיגונג.

* * *

דער יודישער פראפאגאנדע-קאמיטעט ווענדעט זיך צו די אלע, וואס האבען בעקומען צוגעשיקט אויפרופען, זיי זא-לען אויספולען וואס שנעלער די אב-שניטען מיט ענטשפרעכענדע סומעס און זיי צושיקען אין קאמיטעט.

דער יודישער קאמיטעט וועט ארויס-געבען שוין די נאהנטע טעג צייכנישען די יעניגע סובסקריבאנטען וואס האבען געצייכענט געהעריגע דעקלאראציעס.

ביז היינט האט די יודישע בעפעל-קערונג אין ראדאם געצייכענט אויף א סומע פון קרוב 120 טויזענד זל. מיט יעדען טאג שטייגט דער אינטערעס און עס מעלדען זיך וואס מעהר מענשען אין יודישען קאמיטעט און אין די יודישע בענק און קאנטארען, וואו זיי דעקלא-רירען פערשידענע סומעס.

## פארשטעהער פון היגען ספארט-קלוב „הפועל" ביים פולקאווניק מיט א געשאנק פאר'ן פ.א.ן.

היינטיגע וואך האבען זיך פאר'ן הי-גען פולקאווניק פארגעשטעלט 2 פאר-שטעהער פון יודישען כפארט - קלוב „הפועל", וועלכע האבען געשאנקען אין נאמען פון זייער קלוב 25 זל. אויפ'ן „פאן", ערקלערענדיג דערביי, אז זיי וואלטען מעהר געגעבען, אבער זייערע פינאנסען זענען שוואך.

דער פולקאווניק האט די סומע צו-גענומען און די פארשטעהער פאר זייער געשאנק געדאנקט.

## פאסטרעגער פעראורטיילט פאר דעפראודאציעס.

פאר'ן קרייז - געריכט איז מיט עטלי-כע טעג צוריק געשטאנען דער ראדא-מער פאסט-טרעגער סטאניסלאוו דוק, וועלכער האט געטראגען בריעף אויף די שיענקעוויטשא גאס.

דוק האט אלס פאסט-טרעגער בעקו-מען איינצוצאהלען פאר ראדיא, אויף לעבענס-פערזיכערונגען אין פ. ק. א. פון מערשידענע מענשען, צווישען זיי אויך פון דירעקטאר מאריעראנס פרוי, פון יונגען עגאן ה"יליקמאן און האט די סומעס דעפראודירט.

פאר'ן געריכט האט זיך דער בריעף-טרעגער דיק נישט מודה געוועזען און ערקלערט, אז ער האט אלעס אין ארדנונג ערלעדיקט.

א רייהע עדות האבען אבער פעסט-געשטעלט זיין שולד און דאס געריכט האט אים פעראורטיילט אויף 10 חדשים אומבעדינגטען ארעסט, אויף 50 זל. שטראף און אויף פערלירען די ביר-גערליכע רעכט אויף 5 יאהר.

אר.

## א זוהן וויל ארויסווארפען זיין אייגענער מוטער

אויף נאוואגראדזקא 62 וואהנט די אלטע אלמנה הינדע ווארם. דאס הויז געהערט צו איהר זוהן הערש ווארם, וועמען די אלטע מוטער האט נישט געצאהלט, צוליב פערשידענע סיבות, א געוויסע צייט קיין דירה-געלד, דער-פאר האט זי דער זוהן געוואלט ארויס-ווארפען פון דער דירה. ער האט זי איינגעקלאגט אין שטאט - געריכט און דער הויז-אייגענטימער הערש ווארם האט דעם פראצעס פערשפיעלט. ער האט זיך אבער דאס נישט געקענט שענקען און האט אריינגעטראגען אנ'-אפעלאציע, וועלכע איז מאנטאג פאר-געקומען אין קרייז-געריכט.

אויך די אפעלאציע האט הערש ווארם פערשפיעלט. אזוי ארום איז די אלטע מוטער אבגעראטעוועט געווארען פון אנ'עקסמיסיע, דורך אנ'אייגענעם זוהן

פערטיידיקט די פרוי ווארם האט אדוו. גאלטשעווסקי.

**אברהם דוד ווארם.**

## מארגן-קאנצערט פון שמעון באקמאן

ענדליך קומט שוין פאר דער לאנג-דערווארטערער קאנצערט פון שמעון באקמאן.

שמעון באקמאן קומט איצט פון ווואר-שא, וואו ער איז אויפגעטרעטען מיט א ריזיקען ערפאלג צוזאמען מיט שניאורס כאר.

די גרויסע דערפאלגען פון אונזער בן-עיר אין דער מוזיקאלישער וועלט, סיי אין אויסלאנד און סיי אין לאנד. זענען פשוט א סאטיספאקציע פאר אונזער שטאט.

זייער גוט האט געטוהן די געז. „טאז", וואס האט אויסגענוצט די גע-לעגענהייט פון זיין באזוך אין ראדאם און איינגעארדענט א קאנצערט, אויף וועלכען די ראדאמער געזעלשאפט וועט ווידער האבען א מעגליכקייט נאך א לענגערע הפסקה צו הערען אונזער פידל-ווירטואז אין א פולשטענדיק נייעם פראגראם.

דער קאנצערט האט — ווי מיר הא-בען שוין געשריבען — ארויסגערופען גרויס אינטערעס און ווי מיר הערען קלייבען זיך גאר א סך מענשען צו קומען הערען און באוואונדערן אונ-זער בן-עיר, שמעון באקמאן.

## ערפאלגרייכע קרן-היסוד-אקציע אין ראדאם.

די קרן-היסוד-אקציע געהט אין ראדאם מיט ערפאלג. די ראדאמער תורמים ווייזען היינט ארויס גרויס פערשטענדניש פאר'ן דאזיגען נאציאנאלען פאנד, וואס טראגט היינט א בעזונדערען נאמען: כופר העם.

דער קרן-היסוד-קאמפיין האט זיך אנ-געהויבען מיט א מסיבה אין דער ארגאני-זאציע פון די אלגעמיינע ציוניסטען (טרא-אוגוטא 55) שבת צונאכט'ס.

אויף דער מסיבה זענען ארויסגעטרעטען מיט אינטערסאנטע רעפעראטען די דעלע-גירטע ציוניסטישע עסקנים: אדוו. הארט-גלאס, דער פרעזעס פון דער ציוניסטישער ארגאניזאציע אין פוילען, און רעד. נ. גערבאווסקי.

רעד. גערבאווסקי האט זיך ווי תמיד ארויסגעצייכענט אלס גוטער מאסען-רעדנער. דאס מאהל האט זיין שענע רעדע ענטהאל-טען שטארקערע אקצענטען און געווירקט אויף דעם גרויסען עולם אומגעוועהנליך אנ'אינטערעסאנט קראפט.

אדוו. הארטגלאס האט גערעדט אין פוילישען. ער האט געהאלטען א פאלישען רעפעראט. אבשאצענדיג זאכליך מיט טרויעריגקייט דעם יעצטיגען מצב אין און ארום ארץ ישראל. קיין גרויסען אפטימיזם האט מען נישט ארויסגעהערט פון אדוו. הארטגלאס רעדע, אבער אויך נישט קיין יאוש און פעסימיזם. דער אויספיהר פון ביידע רעדעס איז געווען, אז מ'טאר נישט אראבלאזען די הענד, נאר זיך פער-קוקען אויפ'ן יודישען ישוב אין ארץ-ישראל וועלכער מאכט אלע איבערמענשליכע אנ-שטרענגונגען און האט געוויזען דוקא אין א צייט פון טעראר און אראבישן באיקאט צו שטארקען זיינע פאזיציעס ביז געגצלי-כער אונאבהענגיקייט פון דער אראבישער פראדוקציע, ווי אויך צו פערמעהרען זיינע זידלונגען.

כדאי געווען אויסצוהערען ביידע רע-פעראטען, וועלכע האבען ענטהאלטען גע-וויסע אמת'ן און אינטערעסאנטע פאלישע מאמענטען פון דער היינטיגער א ר ץ-ישראל'דיגער ווירקליכקייט.

די מסיבה האט געעפענט מיט א פאר ווארימע ווערטער דער פארזיצענדער פון היגען קרן-היסוד ה' מרדכי לייב פישמאן.

## דראטענער פארקאן ארום בית-החיים.

די היינטיגע גמינע האט ארומגע-צוימט מיט דראט דעם טייל אויפגעבראָ-כענעם פארקאן פון בית-החיים, וואס איז געשטאנען ביז אהער אפען און הפקר.

ראדאם האט זיך אייגענטליך גע-קענט פארגינען אויסצושטעלען א גע-מויערטען פארקאן. אזעלכער איז אויך פריהער געשטאנען דארט, וואו ער ווערט היינט פערטרעטען מיט דראט. יענער טייל פארקאן איז אומגעוואר-פען געווארען, ווייל מ'האט געוואלט אויסברייטערן דאס בית-עלמין און איינ-גלידערן א שטיק פעלד, וואס די גמינע האט בעקומען אין יאהר 1908 אלס א טויש-קאמפענסאציע פאר אנ-אנדערע ראד. ס'האט זיך אבער ארויס-געלאזט דערמיט, וואס קודם האט מען דעם פארקאן פון יענער זייט אומגע-ווארפען און דאס שטיק פעלד האט מען נישט איינגעצוימט, ווייל די פויערים פון ארום האבען נישט בעשטאנען, טענה'דיג, אז דאס איז זייער אייגענ-טום. דער ענין איז געבליבען הענגען אין דער ט״ל אומגעווארפענער פארקאן איז פון דער צייט צעפאלען געווארען אויף שטיקלעך. עס איז געווען נויטיג אויפצושטעלען א ניי-עם פארקאן, און אזוי ווי דאס האט גע-ברויכט קאסטען גרעסערע געלד, האט מען גארנישט געטוהן און דאס בית החיים איז געשטאנען א לענגערע צייט אפען און פריי פאר אלע.

ענדליך האט מען זיך אנגעטוהן א כח און מ'האט מיט דראט ארומגעצוימט די אפענע ערטער. אויף געמויערטען פארקאן האט ראדאם נישט פערמאגט!

מילא, זאל זיין מיט דראט, אבי א פארקאן. אויך דאס איז גוט. בעסער ווי גארנישט. עלעהיי ס'וועט נישט זיין אזוי הפקר ווי פריהער.

# שוין אַרייַנגעטראָגן די קאַנדידאַטן=ליסטעס אין דער הויפּט=וואַהל=קאָמיסיע

## ס"ה 7 ליסטעס, פון זיי 3 יודישע — עטליכע הונדערט קאַנדידאַטן לויפן צום שטאָדט=ראַט — בלויז פאַר די „טשאַלאָווע" קאַנדידאַטן פון די יודישע ליסטעס וואָלט קוים געקלעקט דער גאַנצער שטאָדט=ראַט מיט אַלע פּאָטעלען — איין ליסטע קוים געזודאָנושעט אַ מינוט פאַר 12 בייַנאַכט —

## ווער זענען אונזערע נייע שטאָדט=טאַטעס... יעדער ליסטע האָט די וועהלער שוין אין קעשענע ביז.., דעם 21 מאי,,, — אין וועלכע וואַהל=קרייזן וועט זיך אָפּשפּילן דער „גענעראַל=שלאַכט".

זונטאג איז געווען דער לעצטער טאג אריינצוטראגן די קאנדידאטען-ליסטעס, אין דער הויפט-וואהל-קאמיסיע.

אין דעם טאג איז געגאנגען א וועט-לויף צווישען א רייהע וואהל-ליסטעס ארום די נומערן, מיט וועלכע ס'זענען פערזעהען די ליסטעס. מ'האט געשפילט אין אבווארטונג'ס-פאליטיק. איבערהויפט איז דער ערשטער וואהל-מאנעווער אנגעגאנגען צווישען דער ענדעציע און פ. פ. ס. די לעצטע האט שטארק געשטרעבט צו בעקומען איהר טראדיציאנעלען נומער — 2, וועלכען זיי האלטען פאר אנ'אויסגעפרובטען און מזל'דיגען. דער ענדעציע האט ווידער נישט געשמעקט דעם נומער 1, וואס האט אמאל געהערט צו איהר שארפסטען געגנער — בע-בע.

האט מען זיך געשפיעלט אין בעהאלטעלעך און איינער האט אויסגעקוקט אז דער צווייטער זאל פריהער אריינטראגן די קאנדידאטען-ליסטע און דאן וועט ער אריין מיט'ן פעקעל.

ווייזט אויס, אז פ. פ. ס. האט א גוטען חוש-הריח, ווייל זי איז געווען פיפיגער און אויפגעפאסט א מאמענט, ווען די ענדעציע האט די ערשטע אנגעמאלדען איהר ליסטע, בעקומענדיג א נומער 1. פ. פ. ס. האט דאן נישט לאנג געווארט און באלד נאך דער ענדעציע האט זי אריינגעטראגן איהר ליסטע, וועלכע האט בעקומען לויט'ן סדר, דעם נומער 2.

דערנאך איז שוין געגאנגען כסדר. דער קאטוילישער בלאק האט בעקומען דעם נום. 3 דאן איז אנגעמאלדען געווארען א פוילישע ליסטע און בעקומען דעם נום. 4. די ליסטע געהט אויף די בארקיס (2-טער וואהל-קרייז) מ'האט איהר א נאמען געגעבען די „ווילדע" ליסטע.

דעם נומער 4 האט בעקומען דער בונד, (ווי פריהער שוין דערמאנט האט דער בונד נאך איין נומער — 7 אין איין וואהל קרייז) דעם נום. 5 און 6 האט בעקומען דער בלאק פון די לינקע מיט די רעכטע פועלי-ציון. וואס פאר א נומער דער בירגערליכער בלאק האט בעקומען ווייסען מיר נישט אויף געווי. פון אלע ליסטעס האבען מיר דערהאלטען אויספירליכע אינפארמאציעס מיט די נעמען פון די קאנדידאטען, חוץ פון בירגערליכען בלאק. אפילו די ארויסגעשטעלטע קאנדידאטען פון בירגערליכען בלאק, אז מ'האט זיך צו זיי געווענדעט נאך ידיעות, האבען זיי נישט געוויסט צו געבען קיין קלארען ענטפער. אזוי געראטען ארבייט דארט דער סעקרעטאריאט. ביים בירגערליכען בלאק ארבייט עפעס א צעפארענער און צודרייטער האצמאך - סעקרעטאר, וואס מאכט א גאנצען ווינד און קיינער ווייס נישט, וואס ער טוט. ער דרייט א ספאדעק, לויפט, שמאיעט און מאכט אן א רוק. אז מען פרעגט איהם: שכנא וואס לויפסטו, וואס רודערסטו? שטאמעלט ער, פעריענקעט זיך, פערהאקט די צונג, און לויפט ווייטער. איין מעלה האט ער, וואס ער זאגט יעדען צו, אז ער וועט איהם אויף „פעוונע" מאכען פאר א ראטמאן. טייל נארנים גלויבען אים און א טייל טראכט זיך: לאז זיין פון א קאזאק, לאז זיין פון א ווינד-מיהל, אבי צום לעבען.

איינער איז דא וואס פערלאזט זיך נישט אויף קיינעם, ער דארף נישט קיינעמ'ס לאסקע. דאס איז דער ה' מיכל ריכטמאן. ער זאגט: איך בין אויסגעזארגט, מיינע יודען און מיינע ווייבער וועלען מיך שוין מאכען. קיין זאק בארשט וועלען זיי פאר מיר נישט נעמען. איך בין געווען און וועל זיין ראטמאן.

אביסל שווערלעך איז געגאנגען מיטן מאנדאט פון ה' לעשטש, וועלכער איז געקומען צום בירגערליכען בלאק אלס פארשטעהער פון די רעוויזיאניסטן, צוזאמען מיט'ן ה' נאטאן רובינשטיין. א טייל פון די רעוויזיאנסטען, דער ברית-החיל, איז געווען אין אפאזיציע צו דער קאנדידאטור פון ה' לעשטש. דער ברית החייל האט צוליב דעם, אין לעצטען טאג, זונטאג, פערהאלטען די קאנדידאטען-ליסטע, אויף וועלכע ער האט געזאמעלט אונטערשריפטען. ס'איז געווארען שפעט, ס'איז שוין 10, 11, האלב צוועלף ביינאכט און די ליסטע איז נאך נישטא. ס'איז געבליבען אינגאנצען איין האלבע שעה צייט אריינצוטראגן די קאנדידאטען-ליסטע. וואס טוט מען? זענען אוועק צום ברית-החייל די ה"ה יונה זילבערבערג, מ. בארמייסטער, מיכל ריכטמאן און שפערבער און מיט גוטען און מיט בייזען קוים אויסגע'פועל'ט ארויסצוגעבען די ליסטע, וועלכע מ'האט געזדאנושעט א פאר מינוט פאר צוועלף ביינאכט אריינצוטראגן אין דער הויפט - וואהל-קאמיסיע.

דער ארבעטער-בלאק פון לינקע און רעכטע „פועלי-ציון" און די פראפעסיאנעלע פאראיינען שטעלן ארויס פאלגענדע קאנדידאטען און זייערע וואהל-קרייזען:

יצחק האפמאן און ל. גאלדבראך ווערען ארויסגעשטעלט אין וואהל-קרייז נום. 1, וועלכער נעמט ארום די זאמלינע, אלטע שטאט און שכנות'דיגע געסלעך. דער דאזיגער קרייז גיט ארויס 5 מאנדאטען. די ליסטע זייערע טראגט דא דעם נומער 5.

שלמה האכגלאבער און חיים מארקאוויטש אין וואהל-קרייז נום. 2, וועלכער נעמט ארום די שיל גאס, סט. קראקאווסקא און שכנות'דיגע געסלעך. דער קרייז גיט ארויס 4 מאנדאטען. דער נומער פון די ליסטע איז דא נום. 6.

יחיאל אלטמאן און חיים גלאט אין וואל-קרייז נום. 3, וועלכער נעמט ארום די גאסן: רינעק, רעיא, שווארליקאווסקא און אנדערע. דער קרייז גיט ארויס 5 מאנדאטען. די ליסטע טראגט דער נומער 5.

משה קירשענבלאט און מאטל וויינריב און וואל-קרייז נום. 4. וועלכער נעמט ארום די גאסען: קאשאראווע, מאלטשעווסקי, פל. יאגעלאנסקי, רוויינסקא און אנדערע. דער קרייז גיט ארויס 3 מאנדאטען. דער נומער פון דער ליסטע איז דער נומער 6.

אדוו. טאוב און יודל מאצקין אין וואל-קרייז נום. 6, וועלכער נעמט ארום די גאנצע זשעראמסקי גאס און חיטאלדע. דער קרייז גיט ארויס 5 מאנדאטען. די ליסטע טראגט דעם נומער 5.

זלמן צימבאליסטא און פרוי טאוב אין וואל-קרייז נום. 7, וועלכער נעמט ארום דעם וואעל און ארומיגע געסלעך. דער קרייז גיט ארויס 5 מאנדאטען דער נומער איז דא 5.

ישראל גלאט און משה סטאשעווסקי אין וואל-קרייז נום. 11 (אין דזשערשקוב), וועלכער גיט ארויס 3 מאנדאטען און טראגט דעם נומער 5.

די צווייטע יודישע ליסטע איז פון בונד, פראפ. פעראיינען און פון האנדווערקער-פערבאנד, רוויינסקי 1. די דאזיגע פעראייניגטע ליסטע איז בעצייכענט מיט'ן נומער 4 און געהט אין פאלגענדע 8 וואל-קרייזען: 11, 7, 6, 5, 4, 3, 2, 1.

בלויז אין 2-טען וואהל-קרייז טראגט די בונדישע ליסטע דעם נום. 7. דאס איז דערפאר, וואס דארט (אויף די בארקעס) געהט א נישט-יודישע ליסטע נום. 4. מען רופט זי די „ווילדע ליסטע" ווער ס'איז די דאזיגע ליסטע איז אונז נישט גענוי בעקאנט.

די קאנדידאטען פון דער בונדיש-האנדווערקערישער ליסטע זענען פאלגענדע:

אין 1-טען וואהל-קרייז: איגנאצי גאלדבערג און קאפעל פעלדמאן (האנדווערקער).

אין 2-טען וואהל-קרייז: יצחק שטייגאוויטש און מענדעל פרידמאן.

אין 3-טען וואהל-קרייז: מאיר קאפלאן און אברהם פלאמענבוים.

אין 4-טען וואהל-קרייז: אברהם'לע פינקעלשטיין און נח ראטענבערג.

אין 5-טען וואהל-קרייז: בער סאווע און שמואל שניידערמאן.

אין 6-טען וואהל-קרייז: וואלף פייגענבוים און גבריאל פאטאזשניק.

אין 7-טען וואהל-קרייז: יחזקאל קראקאווסקי, און שמואל צימעראנס.

אין 11-טען וואהל-קרייז: שמואל וויינשטאק און אהרן שיצער.

די דריטע יודישע ליסטע איז פון בירגערליכען בלאק, וועלכער שטעלט ארויס קאנדידאטען אין 7 וואהל-קרייזען:

אין 1 וואהל-קרייז: שפערבער און ד"ר וויטאנסקי.

אין 2-טען וואהל - קרייז: מיכאל ריכטמאן און אינזש. ראזענבערג.

אין 3-טען וואהל-קרייז: משה ראטענבערג און נאטאן רובינשטיין.

אין 4-טען וואהל-קרייז: יונה זילבערבערג און משה לוקסענבורג.

אין 5-טען וואהל-קרייז: משה רובינשטיין און לייבעל הערשענבוים.

אין 6-טען וואהל-קרייז: האלצקענער און בארמייסטער.

אין 7-טען וואהל-קרייז: לייביש כענדעל זיסערמאן און ד"ר גאסטמאן.

אין 5 וואהל-קרייזען זענען פערהאן שאנסען אויף יודישע ראטמענער. דאס זענען: 2, 3, 4, 6, 7, וועלכע זענען בעוואהנט פון א גרויסע צאהל יודען.

דער 2-טער וואהל-קרייז האט שאנסען אויף איין יודישען מאנדאט; דער 3-טער פון איין ביז צוויי יודישע מאנדאטען; דער 4 טער — 2 מאנדאטען; דער 6-טער — 2 מאנדאטען; דער 7-טער — 2 מאנדאטען.

עס איז פאראויסגעזעהען אין די דערמאנטע וואהל-קרייזען, ביי א גוטער פרעקווענץ פון די אידישע וועהלער, אז עס זאלען אדורך ביז 8 יודישע ראטמענער. ראס איז אבער אבהענגיג פון דעם, אז עס זאל נישט זיין קיין קאנקורענץ צווישען די יודישע ליסטעס גופא. דער געגענזייטיגער קאמף צווישען די דריי יודישע ליסטעס און זייער גייעג נאך שטימען קען דערפיהרען צו פאטאלע רעזולטאטען, אז די שטימען זאלען צעברעקעלט ווערען אזוי, אז קיינער פון זיי זאל נישט ערציעלען קיין מאנדאט. אלע ווייסען פון דעם „סוד" און דאך ווערט יעדע פארטיי געטריבען פון דער אמביציע צו זיין פערטרעטען אין יעדען וואהל-קרייז מיט א ליסטע. ערשטענס איז עס א פרעסטיזש-פראגע און צווייטענס מוז מען אויסשפרייטען אומעטום די וואהל-עקספאנסיע, כדי צו בעפרידיגען די אפעטיטען פון דער גרויסער צאהל בעלנ'ים אויף פאטעלען אין שטאדט-ראט. מען מוז יעדען איינעמען, כדי ער זאל געהן אין שפאן און נישט קאליע מאכען דעם בלאק. און כאטש די בענקלעך-אמאטארען ווייסען ביי זיך, אז ס'איז אנ'אוממעגליכע זאך, אז זייערע ליסטעס זאלן איבעראל אדורכפיהרען מאנדאטען, זענען זיי פונדעסטוועגען צופרידען בלויז דערפון, וואס זייערע נעמען פיגורירען; זאל זיין כאטש אנ'אילוזיע פון א שטיקל כיבוד. איבריגענס אפשר וועט זיך דאך איינגעבען — טראכטען זיי זיך — ס'קען אמאהל געראטען אויך. ווי זאגט מען עפעס: וואלען, איז ווי א טשאלענט.

און דא וואו מען ריכט זיך אמוועניגסטענס קאן דווקא יא ארויסשפרונגען א שאנס.

די שפעטער פון די וואהל-בלאקען מאכען זיך מוטה, זייענדיק יעדער אין דער מייגונג, אז ער און נאר ער וועט ארויס דער זיגער. דערביי האלט מען בלייפעדערס אין די הענד און מען חשבונ'ט וויפיעל שטימען דער, אדער יענער וואהל-קרייז פערמאגט און וואו מען איז מעהר זיכער מיט די וועהלער.

פערהאן ראיאנען, וואו ס'וואהנען מעהר בירגערליכע יודען און פערהאן ראיאנען, וואו ס'וואהנען מעהר ארבייטער; וואלט דאך געווען דער שכל, אז די בירגערליכע מיט די פראלעטארישע ליסטעס זאלען קומען צו א געגענזייטיגער פערשטענדיגונג און צולאזען איינער דעם צווייטען דא, וואו ער פיהלט זיך שוואך. דער פשוט'ער פערשטאנד דיקטירט טאקע אזוי צו האנדלען, אבער ביי וואהלען געהט עס נישט פשוט, נאר מיט א דיפלאמאטיש דריידעל.

און נישט נאר צווישען די בירגערליכע מיט די פראלעטארישע ליסטעס קען נישט קומען צו אזא אויסגלייך, נאר אפילו צווישען די צוויי ארבייטער-בלאקען פועלי ציון מיטן בונד, איז שווער אז ט זאל צושטאנד קומען אזא מין נישט-אגרעסיע-פאקט, אויף דעם אופן, אז יעדער פון זיי זאל ארויסציהען זיין ליסטע פון אזא קרייז, וואו זיין געגנער האט מעהר שאנסען. מ'האט פון דעם גערעדט, אבער ס'איז גארנישט געווארען, ווייל יעדער רעדט זיך איין, אז ער האט די וועהלער אין קעשענע.

א שאד, וואס ס'איז נישט געקומען צו א קאמפראמיס-אויסגלייך צווישען די ליסטעס. דאס וואלט בעדייטענט פערגרעסערט די שאנסען פון דער יודישער רעפרעזענטאנץ אין נייעם שטאדט-ראט.

נאך די וואהלען וועט מען זיך אויסניכטערען און אנערקענען דעם בעגאנגענעם פעהלער. אויסער אז מען מיינט נישט אזוי ווייט אליין צו געווינען, ווי צו מאכען דעם צווייטען פערשפילען...

• • •

ווי מען הערט זענען אין די וואהל-קרייזען פון די זאמלינע, קאזשעניצאק, סלאוואצקי אונטער א גרויסען פראגעצייכען, צי זיי וועלען ארויסגעבען איין יודישען מאנדאט, אויב דארט וועלען קעמפען דריי יודישע ליסטעס. מענשען וואס זענען עהאוועגט אין דער וואהל-סטראטעגיע, זאגען, אז ס'איז דארט גענצליך פערשפילט, אפילו די וואהל-ראיאנען פון שוהל-גאס און קיילעכדיגער מארק, זענען נישט געזיכערט, ביי א כוחות-פערמעסט פון עטליכע ליסטעס.

---

# פּראָטעסט = פערזאַמלונג

קאמוניקאט

שבת דעם 29-טען אפריל 3 נ. מ. ארדענען איין דער „בית"ר" און „ברית-הצה"ר" אין דער שטאדטישער שוהל א פראטעסט-פערזאמלונג פון ראדאמער יודען, געגען אריינלאזען קיין ארץ-ישראל די אומגליקליכע יודישע פליטים פון דייטשלאנד, און בכלל געגען די עליה-בעגרעניצונגען פון דער ארץ-ישראל רעגירונג.

מיט רעפעראטען וועלען ארויסטרעטען: די ה"ה: יחיאל לעשטש, מ. סאמעלסאהן, י. פוטערמאן און אנד.

# פון אידישען ספּאָרט אין ראַדאָם.

## „נאַפּזשוד" — „הפּועל" (0:1) 0:1

שבת איז אויפ'ן ספארט-פלאץ פון היגען פולק פארגעקומען א פוטבאל-מעטש וועגען דער מייסטערשאפט פון „ב"-קלאס, צווישען „נאפזשוד" און „הפועל". געזיעגט האט נאפזשוד, דערגרייכענדיג דעם רעזולטאט 1:0. דער נצחון איז אבער נישט קיין פערדיענטער ווייל דער מעטש האט זיך אייגענטליך בעדארפען פערענדיגען מיט 1:1, ווייל די הפועליסטען האבען נישט געשפיעלט ערגער פון זייערע פוילישע חברים; האבען אבער נ שט אויסגענוצט א רייהע מעגליכקייטען צו שיסען א גאל. אפילו די איינציגע מעגליכקייט צו אויסגלייכען פון א שטראף-שאס האט אויך הפועל אדורכגעלאזט, ווייל זילבערבערג האט שלעכט געשאסען.

„הפועל" האט דאס מאהל געשפיעלט זעהר שעהן און דער בעסטער פון זיי איז געוועזען פישמאן.

דעם איינציגען גאל האט געשאסען רישארד פיעטזשיקאווסקי. אלס ריכטער איז געוועזען גוט ה' ראפאלאוויטש.

אר.

# אין די היגע קינאָס:

## „אַפּאַללאַ"

אין קינא „אפאללא" ווערט דעמאנסטרירט א פילם א.נ. „פיער טעכטער", לויט די דערציילונג פון דער בעקאנטער שריפטשטעלערין פאניע הורסט.

דער פילם האט אומעטום ערפאלג. ענטהאלט געלעכטער און טרעהרען.

עס בעטייליגען זיך אין איהם די בעוויסטע ארטיסטען ווי: די 3 שוועסטער לאנע און גאלע פאגע.

דער פילם „4 טעכטער" ווערט געוויזען אין קינא „אפאללא" מיט גרויס דערפאלג.

## „אַדריאַ"

היינטיגע וואך ווערט אין קינא „אדריא" געוויזן 2 הערליכע בילדער. אין ערשטען פילם ווערט געוויזן די קאריערע פון דעם בערימטען קאמפאזיטאר ווערדי. דאס בילד „ווערדי" צייכענט זיך אויס דערמיט וואס עס ווייזט ווי אזוי ווערדי דערגרייכט די שטופע פון א וועלט קאמפאזיטאר און וויפיעל ער האט געמוזט אויסליידען ביז ער איז געווארען גרויס. אין פילם הערט מען דעם בעקאנטען טענאר בעניאמינא גיגלי אויסזינגען א רייהע אריעס ווי: אאידא, ריגאלעטטא און אנד.

דער צווייטער פילם א. נ. „דער שלאכט אויף בראדוואי" מיט דעם בעקאנטען אמעריקאנער סטאר, וויקטאר מאק לעגלען איז פול מיט הומאר.

ביידע פילמען פערדיענען מ'זאל זיי גיין זעהן.

# כוליגאַנישע אָנפאַלען

מיטוואך אוונד האבען כוליגאנעס פערטשעפעט יודישע יונגעלייט אויף דער זשעראמסקי גאס.

ביי דער צוקערניע „אודזיאלאווע" האבען די כוליגאנעס אומגעווארפען א יודיש מיידעל וואס איז געגאנגען אין געזעלשאפט פון דעם יונגערמאן אברהם איידעלשטיין. אויפ'ן געשריי פון מיידעל איז אנגעקומען א פאליציאנט, וועלכער האט פערהאלטען דעם כוליגאן און איהם אבגעפיהרט אין קאמיסאריאט.

# „פּאַרטונקעלטע פריהמאַרגענס"

אונזער רעדאקציע האט בעקומען פונם דיכטער מ. וואלדמאן זיין בוך לידער „פארטונקלטע פריהמארגענס". דאס בוך מאכט א גוטען איינדרוק מיט זיין עסטעטישען אויסזעהן און שיינע הילע.

בקרוב וועלן מיר זיך ברייטער אפשטעלען אויפן דאזיגען בוך.

KINO APOLLO

גרויסער פריהמארגען פראגראַם
דאָס מייסטער־ווערק פון געניאַלען רעזשיסער
דוּוויוער
א. נ.
**Wielki walc**
Od Poniedziałku
א שענער פילם
**Patrol Bohaterów**
מיט עררעל פלין

ביז זונטאג דעם 30 ה. ח.
**אַ שענער פּראָגראַם**
געלעכטער
טרעהרען
אין פילם
**Cztery córki**
אין די הויפט־ראָל:
3 שוועסטער לאנע
און גאלע פאגע
איבערן פראָגראַם: **צוגאבע**

KINO APOLLO

# אויסערגעוועהנליכע פערזאַמלונג ביי די קליינהענדלער.

אויף דער אויסערגעוועהנליכער פערזאמלונג אין קליינהענדלער־פערבאַנד, דעם פאָריגען זונטאָג, זענען בעהאַנדעלט געוואָרען אַ רייהע פראַגען. אין צוזאמענהאַנג מיט דער ריטשאַלט־אויסמעסטונג פון אומזאַץ און הכנסה־שטייער אויפ'ן יאָהר 1939/40 און וועגען דער אומזאַץ־אויסמעסטונג פון 1938 לויט אלגעמיינע יסודות.

דער סעקרעטאַר פון פעראיין, ה' בערמאַן האָט אָנגעוויזען, אַז סוחרים צוליב זייער נישט ערפאַהרענקייט גיבען אָן ערקלערונגען ביי די שטייער־אילוסטראַציעס, וואָס ברענגען זיי פיעל מאָהל שאָדען.

דער ה' מ. קאָרמאַן בעשטעטיגט דאָס זעלבע. עס טרעפען ווירקליך אָפטמאָל פאַלען, אַז דער סוחר ווערט צוטומעלט, אָריענטירט זיך נישט אין קאַלקולאַציע און איז דערפאַר נישט בכח צו געבען קיין קלאָרען ענטפער. ביז היינט איז נישט געווען אזא אינסטאַנץ, וואָס זאָל זיך פעראינטערסירען מיט'ן יודישען סוחר, העלפענדיג איהם זיך פונאַנדערקלויבען אין אזעלכע ענינים. ער רופט דעריבער איינצואָרדנען האַנדעל'ס־קורסען, וועלכע זענען אַ געבאָט פון דער־שעה.

דער רעדנער געהט דאַן איבער צו די וואַהלען פון שטאָדט־ראַט און ווייזט אויף, אַז דעם סוחר'ס אינטערעסען זענען שטאַרק געבונדען מיט'ן מאַגיסטראַט. ביז היינט האָבען די סוחרים נישט געהאַט קיין געהעריגע פאָרשטעהערשאַפט אין שטאָדט־ראַט, וואָס טאָר זיך מעהר נישט איבער'חזר'ען.

וועגען דער הלוואה פאַר דער לופט־פערטיידיגונג רעדט דער ה' אברהם וויכטעל. ער ערקלערט, אַז אין משך פון דער וואָך וועלען פאָרשטעהער פון פעראיין בעזוכען אלע סוחרים אין פערזענליך אויפפאָדערען צו סובסקריבירען די הלוואה. דער פעראיין נעמט אָן ביי די מיטגלידער סובסקריבציעס און רעיעסטרירט אַלע מיטגלידער וואָס האָבען סובסקריבירט אויף אנדערע ערטער.

מען געהט ווידער איבער אויף דער טעמא פון שטאָדט־ראַט. און כדי צו אילוסטרירען ווי וויכטיג עס איז דאָרט אַ פערטרעטערשאַפט פון די סוחרים, ווערען דערמאָנט פערשידענע אינטערווענצען, צעגניקעס־פראַגע, סאַניטאַרע קאָמיסיעס, מאַגיסטראַט־שטייערען, שילדען, רעקלאַמעס, האַנדעל'ס־שעה'ן. עס ווערט פאָרגעוואָרפען די היינטיגע פאָרשטעהער, אַז צוליב זייער שולד זענען פערשפּילט געוואָרען די האַנדעל'ס־שעה'ן שבת־צו־נאַכט'ס.

צום סוף נעמט אַ וואָרט דער פרעזעס פון קליינהענדלער־פערבאַנד ה' רפאל האַלצקענער, וועלכער ערקלערט, אַז ער ווייס און שאצט אָב ווי געהעריג די אויפגאַבען, וועלכע ערוואַרטען אַ יודישען פאָרשטעהער, וואָס דאַרף עפענטליך אַרויסטרעטען און פערטיידיגען ביים היינטיגען טאָג די אינטערעסען פון יודישע סוחרים. אין יאָהר 1940 בעת ס'וועלען אָבגעשאַפט ווערען די פאַטענטען און ס'וועלען אַרויסגעגעבען ווערען רעגיסטראַציע־קאָרטען דורך דעם מאַגיסטראַט, דאַן איז אונבעדינגט נויטיג אַ פאָרשטעהער פון דעם סוחרים־שטאַנד.

ה' האַלצקענער בעדויערט, וואָס אין שטייער־אמט האָבען נישט די יודישע סוחרים קיין פאָרשטעהער מיט בעראַטונג'ס־רעכט.

אויף דער פערזאמלונג ווערט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע צו שטימען און אַגיטירען פאַר דעם קאַנדידאַט פון קליינהענדלער־פערבאַנד, פרעזעס האַלצקענער.

# ראַדאָמער יודישע פרויען שפּענדען פאַרן פ.א.ן. גאָלדענע רינגלעך און אַנדערע ביזשוטערע.

טשעסלאַוו טאָובענפעלד האָט געשאָנקען אויפ'ן פאָן 2 גאָלדענע רייפלעך און דריי זילבערנע לעפעלעך; צעציליאַ לאַנדאַו אַ גאָלדען זייגערל מיט אַ גאָלדענעם ברילאַק; פרוי פון אדח. פעניגשטיין צוויי גאָלדענע רייפלעך און אַ פינגערעל מיט אַ ברילאַנטעל; די פרוי פון פיאָטר פרענקעל אַ זילבערנעם בעכער און צוויי זילבערנע מעסערשטיהלען; ראָזענפאָרב צוויי גאָלדענע רייפלעך; פרוי פון דוד פרענקעל אַ גאָלדען פינגערל, סאַרא זשאַבנער אַ רייפעל און צוויי גאָלדענע פינגערלעך; לאה בוימאַן אַ גאָלדען פינגערל און אַ זילבערען קייטעלע; פאַולינאַ שלאָפערמאַן צוויי גאָלדענע רייפלעך; רחל רובינשטיין אַ גאָלדען רייפל; סאַלאָמעאַ קראָנגאָלד אַ גאָלדענע בראַנסלעטקע; סאַרא ליפשיץ אַ גאָלדען רייפעל; עמיליאַ דיאַמענט אַ גאָלדען רייפל און אַ פּאָר אוירינגלעך; אננא קאָרמאַן אַ גאָלדען פינגערל; העלענאַ צמח אַ זילבערנעם בעכער און אַ גאָלדען קייטעלע; העלענאַ לעסלאַו אַ גאָלדען פינגערל; רחל לאָקס צוויי גאָלדענע פינגערלעך; סאַלאַ שניידער גאָלדענע אוירינגלעך; עאוגעניאַ שאַפּיראָ אַ גאָלדענעם פּאָרט־סיגאַר. מאַריאַ קאַדישעוויטש אַ גאָלדענע בראַסלעטקע; אנקאַ טענענבוים אַ גאָלדען פינגערל, לעאָנטינאַ צמח אַ גאָלדען רייפעל; נ. פרענקעל פינף זילבערנע לעפעלעך; העלענאַ סערצאַזש אַ גאָלדענע בראַסאָלעטקע; יוליאַ טאַטאַראַווא אַ גאָלדען רייפעל; אירענאַ קאָרענהאָסער אַ גאָלדען פינגערעל; פראַנציסקאַ פאַזנאַנסקאַ אַ גאָלדען רייפעל און אַ גאָלדען פינגעריל; פעליציאַ לעווינאָוואַ אַ גאָלדענע בראַנסאָלעטקע, רוזשאַ פורמאַן, פיער זילבערנע האַלבע רובלעס אַ דייטשען מאַרק און אַ גאָלדען פינגערל; יוליאַ וואַסערמאַן אַ גאָלדען רייפעל, געלאַ גאָלדבערג אַ גאָלדען פינגערל, איטקע מידלער אַ גאָלדען פינגערל, וואַרשאַואָר אַ זילבערנעם גאָפל. עוואַ קאָרמאַן צוויי זילבערנע בעכערלעך, שענדעראָוויטש אַ גאָלדען פינגערל, עאוגעניאַ בירענבוים צוויי פּאָר גאָלדענע אוירינגלעך, פרידעריקאַ קוראָווער צוויי גאָלדענע רייפלעך, רייכמאַן אַ זילבערנעם בייטל, אסתר גוטשטאַט אַ גאָלדען אַ פינגערל. לעאָניאַ וויינבערג אַ זילבערן זאַלץ־מעסטעל און אַ גאָלדען פינגערל, יוליאַ הייליגמאַן אַ גאָלדען פינגערל, וויטעלס אַ פודערנידשקע און צווענגעלעך, יוליאַ דען אַ גאָלדען קייטעלע, זאַמער אַ זילבערנע בראַסאָלעטקע, לאה ווייסבאָרד אַ גאָלדען פינגעריל.

SZKOŁA
**Kierowców Samochodowych**
Sławomira Supronowicza
Radom, Koszarowa 3
**przyjmuję wpisy na nowy komplet.**
Szkoła posiada własne warsztaty reperacyjne
przy ul. Nowogrodzka № 20.
Informacje od 9 - 12 i od 13 - 2

*Uwaga! Przemysłowcy i Kupcy!*
Istniejąca od 25 lat
firma przewozowa
na linji WARSZAWA - RADOM
**B-ci Warm**
Radom Podjazdowa 39 Garaże tel. 24-43
mieszkanie Prywatne Słowackiego Nr. 47 tel. 24-41
Przyjmuje wszelkie przewozy na linji
Radom — Warszawa i okolice
Samochody kursują 2 razy dziennie. Adres w Warszawie:
Grzybowska 38 tel. 268 13

Już wkrótce ukażą się w sprzedaży w Radomiu
wyśmienite, higieniczne lody „*M I Ś*" !!!
wyrabiane systemem duńskim.
Owocarniom i cukierniom dostarczane będą powyższe lody luzem we wszystkich smakach w puszkach 5 kilogramowych
Przedstawicielstwo
Towarzystwa Przemysłowego
**«Lawina»**
Radom, Wałowa **45** tel. 25 - 92

Najlepsze, najmilsze i najtańsze
prezenty dla rodziny i przyjaciół
to
**kuchenki, żelazka**
**grzejniki do rurek**
**poduszki i inne**
Do nabycia na dogodnych warunkach w
**Radomskim Towarzystwie Elektrycznym** Sp.Akc. w Radomiu
ul. Traugutta 53

**גאַלוואַניזיר־אַנשטאַלט און מעכאַנישע שלייפעריי**
**נעמט אָן צו שלייפען פאָלגענדע מכשירים:**
1) פריזירער־מכשירים: בושיטוועס, שערלעך און האָר־מאַשינקעס.
2) מעסערס, שערן, מאַשין־מעסערס און חלפים.
3) אַלערליי דענטיסטישע און כירורגישע מכשירים.
**צו ניקלען טיילען פון:**
ראָווערען, אויטאָבוסען און דאָקטאָרסקע מכשירים.
**צו זילבערן:**
לעפל, גאָפל, מעסער, לייכטערס א. ד. גל.
**צו פאָלירן:**
פאַרשידענע מעטאַלן אויף הויכגלאַנץ.
סאָלידע בעהאַנדלונג!
גאַראַנטיע אויף הונדערט פּראָצענט
**י. שטשערבאַצקי** זשעראָמסקיעגאָ 21

**Lustra**
**Szkła szlifowane**
**nietłukące**
poleca **„Szyboszlif"** sp. z. o. o.
**Radom, Żeromskiego № 20**
Tel. 23 - 20

היגיענישע מאַטראַצען און אויטאָמאַטישע טאַפּטשאַניס אין דער פירמע
**„היגיענאַ"** ראַדאָם וואָהל 5 (Bernardynska)
עס ווערן אויך אָנגענומען צו דער ארבייט אייזערנע בעטלעך, וואו מ'קאָן אריינפּאַסען אונזערע שאַטקעס
אויף זעהר ביליגע פרייזען!
מיר בעהטען אַלע קליענטען פון רינעק 6 ווענדען זיך אויף דעם נייעם אַ ד ר ע ס.

**Kino ADRIA**
Do niedzieli dnia 30 kwietnia rb.
Dramat miłości i cierpien kompozytora w filmie **»VERDI«** W rol. gł. **Beniamino Gigli, Gaby Morlay**
Wesoła komedia „Bitwa na Brodwayu"
Od poniedziełku dnia 1 maja rb, Świetna komedia muzyczna p. t.
„Włóczęgi" w rol. gł. *Szczepko i Tońko*
oraz **Sielański, Fertner, Grossòwna, Wysocka, Rakowiecki**
Nad drogram: Dodatki
Film dozwolony od lat 10

**Kino ADRIA**
שבת, זונטאָג און מיטוואָך
**פריהמאַרגען - פילמען**
polskiego filmu
»Zapomniana melodia«
Film dozwolony od lat 16

ŻĄDAJCIE TYLKO „RIKSZA" GUM..? JEDWABNE

TARYFA OGŁ.:
Na 1-szej stronie mm 1 szp. 40 gr
w tekscie mm 1 szp. 60 gr.
na ostatnie stron. mm 1 szp. 25 gr.
1-szai ostatnia strona liczą 10 szpalt

אַבאָנאַמענטס פרייז:
פּאַר 8 חודש אין פּוילען זלאָט
אין פראַנקרייך, בעלגיען 4 פראַנק
אין אַנדערע לענדער 30 סענט.

Redaktor CH.M. HERC
tel. 15 - 18 .טעל
Wydawnictwo „Rademer Kielcer Leben" Szwarlikowska 20